START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY
REEL
Y-2005-1903.39

Kacyzne, Alter.
Shvartsbard.
Pariz, 1980.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1903.39

Kacyzne, Alter, 1885-1941.
Shvartsbard.
Pariz : Komitet far Yidish un Yidisher kultur, 1980.
165 p. ; 23 cm.

1. Petliura, Symon Vasyl'ovych, 1879-1926--Drama. 2. Shvartsbard, Shalom, 1886-1938--Drama. 3. Yiddish drama.—lcsh.
I. Schwartzbard. II. France-Paris.

ID : NXYH01-B4270 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /79587

Reduction ratio X 10.0

אַלטער קאַציזנע

שוואַרצבּאַרד

פּאַריז 1980

אַלטער קאַציזנע

★

ש װ אַ ר צ ב אַ ר ד

אלטער קאַציזנע

שוואַרצבאָרד

סינעמאַטישער רעפּאָרטאַזש
אין דריי אַקטן און זיבן בילדער

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון שולמית קאַציזנע —
די טאָכטער פון מחבר

אלטער קאַציזנע

שוואַרצבאָרד

YIVO INSTITUTE ... N.Y.
8/79587

אַרויסגעבער:
קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור
פּאַריז — 1980

אַלטער קאַציזנע

1. לעבנסגאַנג

אין אַ ווילנער אַרבעטער־משפחה איז געשטאַנען דאָס ווינעלע פון בן־יחיד אַלטער־שלום, וועלכער איז אויף דער וועלט געקומען דעם 31־סטן מיי 1885.

זיין לערנען אין חדר און אין אַ יידיש־רוסישער אָנפאַנגשול האָט געדויערט בלויז אַ פאָר יאָר, אָבער זיין אָפגעבן זיך מיט לייענען און לערנען האָט זיך געצויגן דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט באַהערשט יידיש, העברעאיש, רוסיש, פויליש, דייטש און פראַנצויזיש. די ערשטע דערציילונגען זיינע זענען געשריבן אין רוסיש און דערשינען אין „יעווריייסקי מיר" פון מיי און סעפטעמבער 1909.

יונגערהייט פאַרלאָזט קאַציזנע די היים און פאָרט אַריבער צו אַ קרוב אין יעקאַטערינאָסלאַוו (היינט: דניעפראָפעטראָווסק) ווו ער לערנט זיך פאָטאָגראַפירן און ביי דער מלאכה, וואָס ער האָט דערפירט צו אַרטיסטישער שלימות, איז ער שוין פאַרבליבן און פון איר געשעפט חיונה. קאַציזנע האָט פאַראייביקט אין בילד ארץ־ישראל, צפון־אַפריקע און דער עיקר פוילן. זיינע פרעכטיקע בילדער פון יידישן לעבן פלעגן דערשיינען רעגולער אין דער אילוסטרירטער ביילאַגע פון „פאָרווערטס" און זענען אַריין אין דעם באַקאַנטן אַלבאָם „די פאַרשוווּנדענע וועלט", אַרויסגעגעבן דורך דער פאָרווערטס־אַסאָציאַציע אין 1947. צווישן די יאָרן 1974 און 1977 זענען דערשינען מערערע אַלבאָמען מיט קאַציזנעס פאָטאָגראַפיעס, אַרויסגעגעבן דורך אַמעריקאַנער און ענגלישע פאַרלאַגן.

זיינע רייזע־רעפאָרטאַזשן האָט קאַציזנע געדרוקט אין וואַרשע־

ACHEVE D'IMPRIMER SUR LES PRESSES DE LA SOCIETE D'IMPRIMERIE PERIODIQUES ET D'EDITION, 32, RUE DE MENILMONTANT, 57020 PARIS, EN MAI 1980

ווער „אונזער עקספרעס" (1927־1928) אד"ט: „איבער לענדער און מדבריות. געדאנקען און בילדער פון א רייזע קיין אפריקע".

אין יעקאטערינאסלאוו האט קאציזנע חתונה מיט חנה כאטשאנאוו, וועלכע האט אים געבוירן זייער בת־יחידה שולמית.

האבנדיק איבערגעלייענט א פאר דערציילונגען פון י. ל. פרץ, באשליסט קאציזנע צו קומען קיין ווארשע, וווּ ער באקענט זיך מיט אים, ווערט זיין פריינד און ווייזט אים זיינע שאפונגען, כדי אויסצוהערן פרצ'עס מיינונג (1910). דער ערשטער עפנטלעכער ארויסטריט אויף יידיש איז אין „די יודישע וועלט" פון אפריל־מיי 1915; דאס זענען זכרונות וועגן פרצן, וואס האבן אים מיט א מאל געשאפן א שטארקע פאפולערקייט אין דער יידישער ליטעראטור־וועלט.

אין אינטענסיוון קולטור־לעבן פון פוילן, בפרט פון ווארשע, אין די צוואנציקער יארן האט א גרויסן חלק קאציזנע: ער ארבעט מיט אין פיל זשורנאלן, איז מיטרעדאקטאר פון די צייטשריפטן „גלאקן", „די תיבה", „רינגען", „ליטערארישע בלעטער". אין די דרייסיקער יארן איז ער הויפט־רעדאקטאר פון דער טאג־צייטונג „דער פריינד", וווּ ער פירט א ספעציעלע רובריק „מיין רעדנדיקער פילם". נאכן שליסן פון דער צייטונג דורך דער פוילישער מאכט גיט ער ארויס א צוויי וואכנטלעכן זשורנאל מיט דעם זעלבן נאמען און פילט אים אליין אויס מיט אייגענע שאפונגען, ארטיקלען, נאטיצן. אין יעדן פון די געביטן איז קאציזנע אריגינעל, אויפריכטיק און איבערצייגנדיק.

ער פירט אויך א קולטור־געזעלשאפטלעכע ארבעט: פארט ארום אין די פויליש־יידישע שטעטלעך מיט רעפעראטן, ארגאניזירט א טעאטער־סטודיע, איז מיטגליד פון יידישן פען־קלוב, פון דער פארוואלטונג פון ליטעראטן־פאראיין, פארוואלטער פון דער אנסקי־ירושה צוזאמען מיט יצחק גרינבוים, ד"ר צמח שאבאד, חיים זשיטלאווסקי, שמואל ניגער און אנד., אינטערעסירט זיך מיט יידישע שולן אא"וו. באזונדער טייער איז אים דאס יידישע טעאטער פאר וועלכן ער שאפט רעפערטואר און וועמען ער שטיצט ארגאניזאטאריש.

אין סעפטעמבער 1939 באפאלן די דייטשן פוילן. אין געציילטע טעג געפינען זיי זיך ביי די טויערן פון ווארשע און, ווי טויזנטער

יידן, פארלאזט קאציזנע מיט דער משפחה די הויפטשטאט און קומט קיין לעמבערג (לוואוו), וואס געפינט זיך זינט דעם 17־טן סעפטעמבער אונטער דער סאוויעטישער הערשאפט.

די 21 חדשים פון דער סאוויעטישער ממשלה זענען געווען ווי אן אויפבליץ פון א מעטעאר אין יידישן קולטור־לעבן, אין וועלכן קאציזנע פארנעמט א באטייטיקע פאזיציע: ער איז ליטערארישער דירעקטאר פון יידישן מלוכה־טעאטער, רעדאקטאר פון יידישער ראדיא־עמיסיע און פון א יידישער צייטונג. דעם 22־סטן יוני 1941 באפאלן די דייטשן, די ביז־איצטיקע פארבינדעטע, דעם ראטן־פארבאנד און מיט שנעלע מארשן דערנענטערן זיי זיך קיין לעמבערג. די אינסטיטוציעס וווּ קאציזנע האט געארבעט ווערן עוואקוירט אויף מזרח, אבער פאר אים, דעם אומפארטייאישן, איז נישטא קיין פלאץ אין עוואקואציע־צוג און ער לאזט זיך אין וועג אריין צו פוס.

ער דערגייט ביז טארנאפאל, וואס איז שוין פארנומען דורך די דייטשע ארמייען. דא האבן אים מיט נאך אנדערע יידן געכאפט די אוקראינישע רוצחים און אויף א שווידערלעכן אופן פארפייניקט צו טויט אויפן טארנאפאלער בית־הקברות דעם 7־טן יולי 1941. קאציזנע איז דערמארדעט געווארן דורך די זעלבע אוקראינער, דירעקטע יורשים פון פעטלורעס באנדעס, וועלכע ער ברענגט ארויס מיט אזא עקספרעסיע אין זיין דראמע „שווארצבארד". דעם לעצטן וועג און די לעצטע מינוטן פון אלטער קאציזנע האט גענוי באשריבן נחמן בליץ אין זיינע זכרונות. דאס קאפיטל טראגט דעם טיטל „דער קרייצוועג פון אלטער קאציזנע".

2. דיכטונג

כראנאלאגיש איז די ערשטע פאעטישע שאפונג קאציזנעס „דער גייסט דער מלך, דראמאטישע פאעמע, דריי אקטן, אכט פראגמענטן" (1919). ווען מיט יארן פריער האט קאציזנע די פאעמע פארגעלייענט פרצן, האט פרץ געזאגט: „איך פארמאג נישט אייער פעדער".

מיט דער פאעמע האט זיך די יוגנט ארומגעטראגן. ס'איז געווען אן אויסדרוק פון עפעס נייעס. „עפעס האט מען נישט פארשטאנען

דעם מיין, דעם תוכן, די כוונה, כאטש יעדע שורה האט פארכאפט אונדזער פאנטאזיע, פארכישופט אונדז. ס׳איז געווען א שיינקייט פון אן אנדער מין, גארנישט לויט דער קאנווענציאנעלער יידישער פאעזיע... נאכן לייענען און איבערלייענען... איז איבערגעבליבן ביי אונדז א בענקשאפט, א זוכעניש נאך אן אנדער וועלט — און אפשר איז דאס טאקע געווען דער תוכן און כוונה פון ווערק און דיכטער — דער דראנג צו נייע וועלטן, נייע אידעען" — זאגט עדות מאיר קוטשינסקי (דער וועג, מעקסיקע, יאנואר 1971).

א צווייטע גרעסערע דראמאטישע פאעמע איז „פראמעטעאוס", אן אלמענטשלעך־פילאסאפישע באטראכטונג איבער אוניווערסאלע פראבלעמען ארייננעלייגט אין מויל פון א גריכישער מיטאלאגישער געשטאלט, פון געקרייציקטן ישו און שטן. דאס ווערק איז „געשאפן אונטער דעם דירעקטן רושם פון דער אקטאבער־רעוואלוציע. אבער שוין אין דער פאעמע וואקסט און ברויזט אויף... א ספק אין דעם „גאט פון פרייהייט". ער, דער גאט פון פרייהייט פארשטעלט זיך אין א שטן גאר, דער שטן וואנדערט ארום א פארשטעלטער אין טויזנטער געשטאלטן. טאקע מיט די בעסטע כוונות — צו באפרייען דעם גאט אין מענטשן, ווארים אין יעדן מענטשן איז דא א גאט — אבער שטן בלייבט שטן, ווי ער זאל זיך נישט פארשטעלן און ער רופט ארויס א גייסטיקן כאאס, א תוהו־ובוהו. דאס איז ווייזט אויס, דער ערשטער ריכטיקער ענטפער פונעם פיינפילנדיקן דיכטער אויף דער בלוטיקייט, אויף דעם שדים־טאנץ פון טעראר אין זיין אויסגעחלומטער רעוואלוציע". (יצחק טורקאוו־גרודבערג, צוקונפט, סעפט. 1970).

מיר לייענען דארט געוויסע שורות און הייבן אן צו פארשטיין, אז דער מחבר דריקט דא אויס אין פשוטע ווערטער אייגענע געדאנקען און געפילן לגבי אונדזער מענטשלעכער עקסיסטענץ, וואס פארמאגן א נביאישן חותם:

און כ׳האב געזען צו אייגן פיין און שאנד
די קינדער פון דער ערד, פון מיר פארלאזן
זיי צינדן טויזנט פייערן אין לאנד
און דרייסט אין בייזע שרפות זיי צעבלאזן!
און ס׳גייען שוין מיט פייער שטאט אויף שטאט,
און ס׳פלאמען שוין די שיפן אויף די ימען,

און יעדער צינדער שרייט: ער איז א גאט!
און גרייט זיך אומברענגען א וועלט אין פלאמען
און כ׳זע דער מענטש האט — קאלכאויוונס געבויט
אין זיי דער בייזער פלאם זאל אייביק נעסטן.

מיר טארן נישט פארגעסן, אז די שורות זענען געשריבן איבער צוואנציק יאר פאר מיידאנעק, אוישוויץ און בעלזשעץ, ווו ס׳איז אומגעקומען קאציזנעס פרוי חנה אין יאר 1942.

אין די צוואנציקער יארן איז דערשינען אין קאציזנעס איבערזעצונג אלעקסאנדער בלאקס פאעמע „צוועלף". עס האט זיך דעמאלט פונאנדערגעבלאזן א פאלעמיק וועגן דער ראזיקער פאעמע, וואס מערערע יידישע דיכטערס האבן איבערגעזעצט. אן אורטייל איז שווער ארויסצוגעבן, אבער קאציזנע האט בפירוש איבערגעדיכטעט בלאקן אין אזא מאס, אז אטעמדיק מיטן גייסט פון דער רוסישער שפראך איז די פאעמע אן אריגינעלע יידישע שאפונג: א דאנק דער מוזיקאלישער פערפעקציע און אנדערע דיכטערישע דערגרייכונגען. א גרעסערע זאמלונג בילדן „באלאדן און גראטעסקן" (1936), וועלכע דער מחבר האט פארזען מיט א „פארווארט", ווו ער קלערט אויף זיין באציאונג צו פרצן, פון וועמען ער איז טאקע געווען א תלמיד, אבער נישט קיין נאכלויפער.

קאציזנע גייט זיין אייגענעם וועג. קאציזנען איז נאענט דאס פאלק. ער גלייבט אין זיין געזונטן קריטישן חוש און איראניע אין באצוג צו אפגעלעבטע לעבנס־פארמען. וואגט ער דעריבער אין דאזיקן גייסט צו שילדערן די פארגעטערטע ביז איצט העלדן — אזוי קומען אויף זיינע גראטעסקן. קאציזנע גלאריפיצירט די פאלקסטימלעכע מאמענטן פון ריין עטישער נאטור „און רעליגיעזער, מיסטישער און נאציאנאלער בוטאפאריע".

די שפראך פון די „באלאדן און גראטעסקן" איז א פשוטע, אין סטיל פון פאלקס־מעשיות געבויט אויף פאלקסמאטיוון און פאלקלאר. די געשעענישן, אפשר קאנקרעטע, וואס האבן געדינט פאר א טעמע זענען שוין לאנג פארגעסן, אבער דער דיכטער מאכט זיי אויפלעבן, ווייל דאס ליד איז אייביק.

קאַציזנע געפינט אַ שיינעם קלינגענדיקן פּאָעטישן אויסדרוק פאַר זיין גלויבן אין פּאָעזיע:

דאָס לעבן שפּראָצט, דאָס לעבן בליט, פאַרבליט,
אַ וועלט פאַרגייט, אַ וועלט באַנייט די כוחות
און צאַנקט אַ מענטש, פאַרבלייבט נאָך אים זיין ליד,
אַ שפּליטער גאָלד אין שטויביקן פּרוכת.

אַ שפּליטער גאָלד אין אייביקן געוועב
וואָס בליצט אַליין פאַר זיך אַליין בשתיקה.
שוין לאַנג צו שטויב איז דער, וואָס האָט געלעבט,
און נאָר דאָס ליד — זיין ליד געפינט אַ תיקון.

3. פּראָזע

פּובליציסטיק און זשורנאַליזם, ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיק בילדן וויכטיקע טיילן פון פּראָזע, אין וועלכע קאַציזנע האָט זיך אויסגעצייכנט. ער איז געווען אַ שאַרפער פּאָלעמיסט, אַ פּילעוודיקער פאַר קולטור־פּראָבלעמען, בפרט אין שייכות מיטן טעאַטער, פאַר וועלכע ער האָט געקעמפט און פאַרטיידיקט מיטן פולן כּרען פון זיין נשמה. אין זיינע אַרטיקלען, ביכער, רעצענזיעס, באַווייזט ער זיין גרויסע מבינות אין די באַריִרטע טעמעס. וועגן זיינע דערציילונגען אין דער רוסישער שפּראַך האָבן מיר שוין דערמאָנט. זיי פאַרמאָגן אַ שטאַרק דראַמאַטישן שטאָף מיט שאַרפע קאָנפליקטן: סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע, וואָס זענען סימנים פון אַ גרויסן טאַלאַנט. מיר ווילן דאָ רעדן וועגן זיין יידישער שאַפונג אין פּראָזע.

קאַציזנע איז געווען אַ פּאָעט דורך און דורך און אויב מיר רעדן וועגן זיין ערשט פּראָזע־בוך „אַראַבעסקן" (1922), איז דאָס כּדי יוצא צו זיין לגבי דער פאָרעם. אָבער אויך די פאָרעם איז נישט אַ קאָנסטאַנטער ענין. אין זיינע „אַראַבעסקן" האָט קאַציזנע צוגעשריבן באַמערקונגען, אין וועלכע ער זאָגט, אַז זיי בילדן „אַן אָנהייב פון פאָרמזוכענישן". אַן אויסגעאַרבעטע פאָרעם איז ווי אַ רייזע מיט „גוטענע רעדער איבער אויסגעפּאַרענע וועגן" — און דאָס איז קאַציזנען נישט צום האַרצן.

דער באַגריף „אַראַבעסקן" מיינט אַן אָרנאַמענט פון בלעטער סטיליזירטע, פיגורן, בלומען אונטער דער השפּעה פון מוזולמענישע מוסטערן. מיר געפינען אַראַבעסקן אין דער קונסט, מוזיק און באַלעט. קאַציזנע האָט אין פאָלקסטימלעכער שפּראַך אויסגעזונגען פּאָעטיש־ראָמאַנטישע געפילן, וויזיעס, אָבסערוואַציעס, וואָס פאַרמאָגן אַן אייגענע מעלאָדיע, אַ דראַמאַטישע שפּאַנונג און אַ זיבעטן חן.

דער פּאָעטישער אינסטינקט האָט געפירט דעם מחבר אין לאַנד פון די אבות אין דער צייט פון שלמה המלך און אין קלימאַט פון שיר השירים. אויף דעם דאָזיקן פאָן האָט ער געשאַפן די ערשטע, און אפשר אויך די שטאַרקסטע און פּאָפּולערסטע אַראַבעסקע „קראַנקע פּערל", וועלכע האָט אויך אויסגענומען אין דער העברעאישער אויסגאַבע אין ישראל און וועמענס איטאַליענישע איבערזעצונג פון איפּאָליטאָ פּיצעטטי איז דערשינען אין 1974 און איז פיל מאָל געווען געלייענט אין איטאַליענישן ראַדיאָ.

אין אַן אינטערוויו, וואָס קאַציזנע האָט געגעבן אַ זשורנאַליסט פון די „ליטעראַרישע בלעטער" (1929) האָט זיך גערעדט וועגן דערפאָלג אויף דער פּוילישער בינע פון אַנסקיס „טאָג און נאַכט", וואָס ער האָט פאַרענדיקט. דאָרט זאָגט ער: ...„צים מיך נישט ביי דער צונג, אַז נישט וועל איך אייך זאָגן, אַז כ'וועל אָנשרייבן אַ ראָמאַן אויך".

דער ראָמאַן איז שוין דעמאָלט געווען כמעט פאַרטיק, דאָס איז געווען די גרויסע עפּאָפּיע אין צוויי בענד „שטאַרקע און שוואַכע".

ביז איצט האָט קאַציזנע געשריבן פּאָעמעס, לידער, דראַמעס, אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן, פּאָלעמיקס, טעקסטן פאַרן יידישן קליינקונסט־טעאַטער „עזאזל", פון וועלכע „דער פעטער פון אַמעריקע" (מוזיק פון הענעך קאָן) איז געווען שטאַרק פּאָפּולער, לידער פאַר דער פּיעסע „וואָלפּאָנע", פילמטעקסט צו אַנסקיס „דיבוק", דיאַלאָגן און לידער צום פילם „אָן אַ היים" פון יעקב גאָרדין או"ז.

דער ראָמאַן „שטאַרקע און שוואַכע" אויף קנאַפּע 800 זייטן איז אַ ברייטער לייוונט פון יידישן לעבן אין פּוילן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. טעמאַטיש איז דער פאַרנעם אַ גרויסער, די באַרירטע פּראָבלעמען עיקרדיקע און די טיפּן אויסגעהאַלטענע. היינט, פּופּ־

ציק יאָר נאָכן דערשיינען פון בוך לייענט ער זיך ווי אַן אַקטועלער שפּאַנענדיקער ראָמאַן. אין דעם טאַקע באַשטייט דער כוח פון מחבר: אויף דער קאַנווע פון זיין צייט האָט ער אויסגעהאָפטן אייביקע פּראָבלעמען, ווייל ער האָט אַריינגעקוקט טיף אין די מענטשלעכע נשמות און געהאַט אָפענע אויגן אויף היסטאָרישע פּראָצעסן.

די גאַלעריע טיפּן איז אַ רייכע. יעדער איינער פון די פאַר צענדליקער פּערסאָנאַזשן איז אַ וועלט פאַר זיך און דער מחבר דערפירט אַלע העלדן ביז צום סוף פון זייער וועג, ער פאַרגעסט קיינעם נישט. די עיקר־כאַראַקטעריסטיק פון די מענטשן איז זייער גאַנצקייט. וועלכע עס זאָל נישט זיין די מיינונג פון מחבר וועגן די אידעאָלאָגיעס וואָס באַגייסטערן די אַלע פאַרשוינען — גיט ער זיי די פרייהייט פונאַנדערצוּוויקלען זייערע געדאַנקען. דער מחבר איז טאָלעראַנט לגבי דעם חלוץ ווי לגבי דעם קאָמוניסט, דעם עסעראָוויעץ ווי דעם פאָלקסמענטש אָן אידעאָלאָגיע, דעם זשורנאַליסט, וועלכער טראָגט זיך אַרום מיט ליטעראַרישע קאָנצעפּציעס...

עס איז שווער אויסצוקלייבן אַ פּערסאָנאַזש פאַר אַ מאָדעל; דער מחבר טראַקטירט אַלע גלייכמעסיק אין הסכם מיט דער ראָלע וואָס זיי שפּילן אין אינהאַלט. מיר ווילן בלויז ציטירן אַ פּאָר איזאָלירטע אַרויסזאָגן, וועמענס טעקסט כאַראַקטעריזירט די מענטאַליטעט פון פאַרשוין און טייטן קלאָר אָן אויף דעם מחברס פעאיקייט צו פאַרטיפן פּראָבלעמען.

שייקע פייפער, אָדער מיט זיין אמתדיקן נאָמען זוסמאַן, אַ רוסישער סאָלדאַט מיט פיל מיליטערישע אויסצייכענונגען, ליגט אין שפּיטאָל. אויף דער פראַגע צי ער איז אַ פאַרברענטער פּאַטריאָט, ענטפערט ער: „אַ פּאַטריאָט! איך — ניקאָלאַיס אַ פּאַטריאָט!... כ׳האָב זיי נאָר געוואָלט ווייזן, די קאַצאַפּעס, אַז אַ ייד קאָן קענען די מלאכה נישט ערגער פאַר זיי... ס׳איז מיר געגאַנגען אין מיין יידישער אַמביציע“. (ב׳ 2, ז׳ 139).

אין אַ דיסקוסיע וועגן מלחמה זאָגט דער פּועלי־ציוניסט: „מלחמה איז טאַקע אַ ווילדע זאַך, אמת... ווען אַ ייד אָבער זאָל האָבן פאַר וואָס צו שלאָגן זיך, פאַר וואָס צו קריכן אין פייער... דאַן וואָלט עס געווען אַ גוטע זאַך, דאַן וואָלט שייקע פייפער געווען אַ העלד נישט

קיין ליך, וואָס שפּילט זיך מיטן טויט“ (ב׳ 1, ז׳ 176). דאָס איז געשריבן געוואָרן צוואַנציק יאָר פאַרן אויפקום פון דער יידישער מדינה.

קאַציזנע האָט אין דאָזיקן ראָמאַן נישט אויסגעמיטן קיין פּראָבלעם, ווי קאָמפּליצירט זי זאָל נישט זיין, פון יידישן לעבן אין די דאָזיקע ברוויזנדיקע יאָרן און נישט פאַרגעסן אויך צו געבן דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן פאָן.

באַשרייבנדיק דאָס באַנעמען זיך פון די דייטשע אָקופּאַנטן אין יאָר 1918 האָט מען דעם איינדרוק, אַז דאָס קומט פאַר אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער. עס וויל זיך נישט זאָגן, אַז קאַציזנע איז אַ נביא, אָבער זיין שרייבערישע אינטואיציע, זיין געוויסנהאַפטיקייט און ערלעכקייט מיט זיך אַליין, זיין אחריות פאַרן לייענער און פאַר דער ליטעראַטור האָבן ווי אַ רעזולטאַט אונדז געגעבן אַ קלאַרזעעוודיקע פּערספּעקטיוו, וואָס איז אַ דאַנק דעם קינסטלערישן טאַלאַנט צו שילדערן, געוואָרן אַן עפּאָפּייע פון אונדזער דור.

עס איז קיין וווּנדער נישט, אַז דער ראָמאַן „שטאַרקע און שוואַכע“ האָט געהאַט, אַ זעלטענע ביי אונדז דערשיינונג, דריי אויסגאַבעס.

4. דראַמאַטורגיע

קאַציזנע האָט פון נאַטור אַ טענדענץ צו דראַמאַטיזם. זיינע דערציילונגען פון די סאַמע ערשטע, זענען אָנגעזעטיקט מיט דראַמאַטישן שטאָף. זיינע פּאָעמעס, וואָס זענען אַפילו נישט סצעניש, זענען אָבער דראַמאַטיש און ער רופט זיי מיטן נאָמען „דראַמאַטישע פּאָעמעס“. צו די דערמאָנטע שוין „דער גייסט דער מלך“ און „פּראָמעטעאוס“ דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן „דער טורעם פון בבל“, וואָס איז געווען געדרוקט פראַגמענטוויז אין „וווייטער־בוך“, „די תיבה“, „רינגען“... די דאָזיקע פּאָעמעס קאָנען באַטראַכט ווערן ווי פילאָסאָפישע רעפלעקסיעס.

ערשטע שריט אויפן געביט פון דראַמאַטורגיע האָט קאַציזנע געמאַכט ביים פאַרענדיקן אַנסקיס פּיעסע „טאָג און נאַכט“. אַנסקי האָט נישט פאַרענדיקט די דראַמע. מ. ווייכערט שרייבט, אַז געבליבן בירושה איז אַ פראַגמענט פון אַ דראַמע, „טיילן פון ערשטן און צווייטן אַקט, קוים עטלעכע בלעטלעך, אַ דראַמאַטישע אידעע, אַרום איר שטיקער

דיאַלאָג. דעם סיפור המעשה האָבן געוווסט פֿריינד. קאַציזנע האָט געוואָלט די זאַך פֿאַרגאַנצן". נאָך דעם ווי קאַראָל אַדוועגטאָוויטש האָט אויפֿגעפֿירט די פּיעסע אין לעמבערגער פּוילישן טעאַטער (1925) און געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג, האָבן די יידישע טעאַטערס אַריינגענומען די דראַמע אין זייער רעפּערטואַר.

אַ צווייטער מין דראַמעס, נאָך די פֿילאָסאָפֿישע, זענען דראַמעס אויף אַקטועלע טעמעס ווי „אין קריזיס", „אסתר" און „שוואַרצבאָרד". „אסתר" איז דערשינען אין המשכים אין „מיין רעדנדיקער פֿילם" (1937/38) און איז קיין מאָל נישט געשפּילט געוואָרן און נישט אַרויסגעגעבן אין בוכפֿאָרעם. ס'איז אַ היינטצייטיקע טראַגעדיע וועגן פּראָוואָקאַטאָרן און רעוואָלוציאָנערן אין דער רוסישער אַרבעטער-באַוועגונג.

„אין קריזיס" איז געשטעלט געוואָרן דורך אברהם מאָרעווסקי צום ערשטן מאָל אין קאַליש און שפּעטער אין לאָדזש מיט דער באַטייליקונג פֿון אים אַליין, זיגמונט טורקאָוו, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש און אַנדערע גוטע אַקטיאָרן. די דראַמע שילדערט דאָס לעבן פֿון יידיש-פּוילישן קליינבירגערטום. קאַציזנע האָט געוואָלט אַרויסברענגען דאָס טיף-טראַגישע ווי אויך דאָס קאָמישע און לעכערלעכע. די פּיעסע וואָס ער רופֿט „קאָמעדיע אויב ניט קיין פֿאַרס" איז היינט נישט בנימצא.

וועגן דער דראַמע „שוואַרצבאָרד" רעדן מיר אין ווייטערדיקן קאַפּיטל.

די היסטאָרישע דראַמעס בילדן אַ דריטע גרופּע: „דער דוכוס", „הורדוס", „דעם יידנס אָפּערע". די באַצייכענונג ה י ס ט אָ ר י ש ע וויל זאָגן אַז די געשטאַלטן געהערן צום עבר. פֿאַקטיש דינען די פּערזאָנען נישט פֿאַר אַ לעקציע פֿון געשיכטע, נייערט אויף אויסצודריקן דעם מחברס געדאַנקען, פֿילאָסאָפֿישע קאָנצעפּציעס, פּסיכאָלאָגישע קאָנפֿליקטן...

דער סאַרנעם פֿון קאַציזנעס דראַמעס איז אַ שעקספּירישער, אַ גיגאַנטישער. געטריי דעם גייסט פֿון דער געשיכטע זענען די געשטאַלטן טעאַטראַליש שפּאַנענדיק און באַזיצן כאַראַקטערן אויסגעהאַמערט אין שטאָל. לייענענדיק די רעפּליקעס ווערט מען אַריבער-

געטראָגן אין אַ וועלט פֿון שטאַרקע מענטשן, פֿאַר וועלכע די נאָרמאַלע מאָסן אונדזערע זענען נישט גילטיק. דאָס זענען מענטשן באַהערשטע פֿון ליידנשאַפֿטן, אין גוטן און אין שלעכטן; טיפֿן וועלכע ווערן געפֿירט דורך אַ העכערער קראַפֿט, ווי די העלדן פֿון דער גריכישער טראַגעדיע. די דאָמינירנדיקע קאָנפֿליקטן, די אַרויסגערוקטע פּראָבלעמען, הגם זיי זענען פּערזענלעכע, פֿאַרמאָגן אָבער אַ זאַמען פֿון אַלגעמיינקייט און דעם שטעמפּל פֿון אייביקייט.

„הורדוס" (1926) איז די טראַגעדיע פֿון אַ שטאַרקער פּערזענלעכקייט, וואָס פֿילט זיך באַרופֿן צו הערשן, צו קיניגן; אָבער ער באַווייזט נישט צו געווינען פֿאַר זיך דאָס פֿאָ[...] מחמת ער שטייט אין דינסט פֿון רוים און אויך איז ער אַן אדומי. [...]אָס איז איין קאָנפֿליקט. דער צווייטער קאָנפֿליקט באַשטייט אין דער ליבע צו אים פֿון זיין שוועסטער. זי, שלומית, איז זיין בייזער גייסט, אַ סאָרט לעדי מאַקבעט. מיט אירע אינטריגעס דערפֿירט זי אים צו מאָרד פֿון זיין פֿרוי און זייערע צוויי זין. די מאַכט איז געוואָרן זיין אומגליק.

די פּיעסע, געשריבן אין פֿערזן איז קיין מאָל נישט געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער. קינסטלעריש, שרייבט זלמן רייזען אין לעקסיקאָן, איז די טראַגעדיע געשריבן אין אַ מייסטערהאַפֿטן סטיל פֿון דער קלאַסישער טראַגעדיע, וואָס איז אויך אַ גרויסע דערגרייכונג פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור.

כראָנאָלאָגיש אַ פֿריערדיקע און די פּאָפּולערסטע דראַמע איז „דער דוכוס" (1925). דעם 12-טן פֿעברואַר פֿירט זי אויף מאָרעווסקי אין וואַרשע און דאָרט ווו ער גאַסטראָלירט. אין קראָקע (1926) האָט זי געוויזן יאָנאַס טורקאָוו און שפּעטער אויך אין דאַנציג (1939), דאָס גלייכן רודאָלף זאַסלאַווסקי אין אַרגענטינע, די „ווילנער טרופּע" אין רומעניע, פּוילן, לעטלאַנד, עסטלאַנד און ווין. ביי בולאָוון אין אַמעריקע הייסט די פּיעסע „דער גר צדק".

נחמן מייזיל שרייבט: „אַ. קאַציזנע האַלט זיך נישט פֿעסט ביי דער לעגענדע און איז נישט געווען געבונדן מיט איר קאַרגן אינהאַלט. ער האָט נישט געוואָלט שאַפֿן סתם אַ יידישע מעלאָדראַמע, די מעשה מיטן גר-צדק אַליין. פֿריער פֿון אַלץ האָט ער געגעבן די סביבה, דעם מעגלעכן פּאָן אויף וועלכן ס'האָט זיך געקאָנט פֿאַנ-

דערוויקלען אַזאַ מין מעשה מיט אַ פּוילישן מאַגנאַט, וואָס גייט איבער צו ייִדישקייט. דאָס איז... דאָס וויכטיקסטע, נייע, וואָס קאַציזנע האָט געגעבן... (ער) האָט אַרויסגעפירט אַ שטיק לעבנס־שטייגער פון צוריק מיט 200 יאָר און געגעבן אונדז איינס קעגן דעם אַנדערן די צוויי וועלטן — די מאַגנאַטישע און די ייִדישע, איז פון דעם גאַר קנאַפּן שטאָף פון דער אמתער לעגענדע געוואָרן ביי א. קאַציזנע אַ דראַמע מיט איבערפליסנדיקן שטאָף״.

די דריטע היסטאָרישע טראַגעדיע איז „דעם ייִדנס אָפּערע״, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין 18־טן יאָרהונדערט אין פּאָרטוגאַל. ווי אַ פאָן דינט דער קאַמף צווישן דער אינקוויזיציע און די פאַרגעשריטענע עלעמענטן, צו וועלכע עס געהערן די מאַראַנען. זייער צוגעבונדנקייט צו ייִדישקייט איז אַ טיפע און גייט איבער פון דור צו דור בירושה. דאָס צווינגט זיי אָבער צו פירן אַ טאָפּלט לעבן. מען ניצט למשל אויס אַ געבוירן־טאָג אויף אַ צוזאַמענטרעף, כדי אָפּצוריכטן דעם סדר. אגב, איז אין דער דראַמע דער סדר פאַרשטערט געוואָרן דורכן אַריינקום פון אַ גייסטלעכן.

דער העלד פון דער פּיעסע, דער קאָמעדיע־דיכטער דאָן אַנטאָניאָ זשאָזע דאַ סילוואַ דעמאַסקירט אין זיין קאָמעדיע די היפּאָקריזיע פון דער געזעלשאַפט. קאַציזנע ווייזט אונדז טאַקע אַ פאַרשטעלונג, ווי דאָן זשאָזע אַליין וואָלט זי אַראַנזשירט. דאָס דערמאָנט די סצענע אין שעקספּירס „האַמלעט״, ווו דער העלד זאָגט ווערטער, וואָס ער וואָלט נישט געוואָגט צו זאָגן אין געוויינטלעכע באַדינגונגען. די ביידע פּיעסעס, קאַציזנעס און דאַ סילוואַס, פלעכטן זיך אַזוי דורך און דערגאַנצן זיך אין אַזאַ מאָס, אַז אַ טייל פּערסאָנאַזשן פון קאַציזנעס דראַמע האָבן אויך אַ ראָלע אין דעם טעאַטער אויף דער בינע. די קאָנסטרוקציע פון דער פּיעסע איז אַן אמתדיקער אַרכיטעקטור־שעדעוור, די אַטמאָספער איז אַן אָנגעגליטע און רופט אַרויס אַ נייגער ביים צושויער און לייענער, די שפּראַך איז אַ לייכטע און אַ ציכטיקע, די דיאַלאָגן לעבעדיקע, די דיכטערישע אימאַגינאַציע אַ רייכע.

משה ליפּמאַן האָט אויפגעפירט די פּיעסע אין בוענאָס איירעס (14־טן מיי 1948) און אידאַ קאַמינסקאַ אין וואַרשע (21־טן אַפּריל 1958).

„דעם ייִדנס אָפּערע״ איז דעם 23־טן מיי 1974 אויפגעפירט געוואָרן אין איטאַליענישן ראַדיאָ און עטלעכע מאָל טראַנסמיטירט געוואָרן אין לויף פון די לעצטע יאָרן. דער איטאַליענישער טעקסט איז דערשינען אין „טערצאַ פּראָגראַממאַ״, דעם אָפיציעלן זשורנאַל פון דער איטאַליענישער טעלעוויזיע.

5. „שוואַרצבאַרד״

מיר פאַרעפנטלעכן דאָ צום ערשטן מאָל די דראַמע „שוואַרצבאַרד״. זי איז געווען געדרוקט, און דאָס נישט ביז צום סוף, אין „מיין רעדנדיקער פילם״ אין די יאָרן 1938־1939. דער אַטענטאַט פון שוואַרצבאַרדן אויף פּעטלורען האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין פּאָליטישן לעבן פון פראַנקרייך און אויפגעטרייסלט די עפנטלעכע מיינונג פון דער גאַנצער וועלט. באַזונדערע געפילן האָט דער דאָזיקער נקמה־אַקט דערוועקט ביי ייִדן, וועלכע האָבן נאָך געדענקט די פּאָגראָמען און באַוויינט זייערע נאָענטע, וועלכע זענען אין די טויזנטער פאַרשניטן געוואָרן בעת דער הערשאַפט פון אַטאַמאַן פּעטלוראַ אין אוקראַינע.

אין קאַציזנעס שאַפונג איז די טעמע פון פּאָגראָמען נישט קיין נייע. גענוג צו דערמאָנען זיין באַלאַדע „קולות אויף אוקראַינע״, כדי צו פאַרשטיין, אַז זי איז אַן אָנזאָג אויף אַ שפּעטערדיקע דראַמע.

און אָט איז די גענעזע פון דער דראַמע „שוואַרצבאַרד״, ווי עס דערציילט זי נחמן מייזיל אין „פאַרגייער און מיטצייטלער״.

נאָכן גרויסן דערפאָלג, וואָס דער גרויסער ייִדיש־דייטשער אַקטיאָר אַלעקסאַנדער גראַנאַך האָט געהאַט אין דער פּיעסע פון פרידריך וואָלף „פּראָפעסאָר מאַמלאָק״ אָדער „די געלע לאַטע״, האָט ער געזוכט אַן אַנדערע דראַמע, אין וועלכער עס זאָל קומען צום אויסדרוק אַ העלדישער מאָמענט אין ייִדישן לעבן און ווו ער זאָל האָבן אַ פּאַסיקע ראָלע. איז אים איינגעפאַלן די געשטאַלט פון שלום שוואַרצבאַרד און דער אַטענטאַט אויף פּעטלורען. גראַנאַך פאַרטרויט זיך מיט דעם מייזלען, וועלכער האַלט אים אונטער און לייגט פאָר זיך צו ווענדן צו אַלטער קאַציזנען ער זאָל אָנשרייבן די דראַמע. מייזיל באַשרייבט דעם באַזוך ביי קאַציזנען אויף פאָלגנדיקן אופן:

„זענען מיר (מייזיל און גראַנאַך — נ. ג.) איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט געפֿאָרן צו קאַציזנען אַהיים און אים געמאַכט אונדזער פֿאָרשלאַג, ער זאָל אָנשרייבן די שוואַרצבאַרד־דראַמע. אונדזער פּלוצעמדיקער באַזוך און אונדזער קאַטעגאָרישער פֿאָרשלאַג האָט אים לכתחילה צעטומלט. מיר האָבן אים צוגעשטעלט אויטענטישע מאַטעריאַלן און נאָך לענגערע שמועסן האָט א. קאַציזנע זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט און ער האָט אויסגעפֿיבערט סצענע נאָך סצענע. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז די דראַמע, אָדער ווי קאַציזנע האָט עס אָנגערופֿן „אַ סינטעטישער רעפּאָרטאַזש" געווען אין גאַנצן פֿאַרטיק.

עס געדענקט זיך גוט דער פֿרימאָרגן ביי אונדז אין הויז, אָנהייב 1935, ווען א. קאַציזנע האָט פֿאָרגעלייענט פֿאַר אונדז די שוואַרצבאַרד־פּיעסע. ביי אייניקע טראַגישע שטעלן האָט ער ביים לייענען זיך צעכליפּעט, און יעדער איינער פֿון אונדז האָט געווישט די טרערן אויף די באַקן.

עס איז געווען אינטערעסאַנט צוצוזען די קינסטלערישע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון א. קאַציזנע ביים אַרויספֿירן מענטשן, סצענעס און סיטואַציעס. אין דער מעשה שוואַרצבאַרד האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שטיק אַלגעמיין און ייִדיש לעבן פֿון דער מלחמה און בירגער־קריג — באַלטע, פּראָסקוראָוו, קיעוו און דערנאָך — פּאַריז. רוסלאַנד און פֿראַנקרייך זענען דאָ קונציק און מייסטעריש איינגעפֿלאָכטן דורכן לעבן גופֿא און דעם טויט פֿון שלום שוואַרצבאַרד. די עטלעכע שוואַרצבאַרד־שאָסן זענען אייגנטלעך געווען אָפּהילכן פֿון גרויסע וועלט־געשעענישן. דער מאָרד און דערנאָך דער שוואַרצבאַרד־פּראָצעס האָבן אַרויסגערופֿן אָפּקלאַנגען אין גאָר דער וועלט. די באַטייליקטע אין דעם אַלעמען זענען נישט בלויז צופֿעליקע מענטשן, נאָר געשטאַלטן, וואָס סימבאָליזירן סביבות, שיכטן, צייט און דור. מען האָט באַדאַרפֿט שילדערן די באַדינגונגען, וואָס האָבן געבראַכט צו די אויסטערלישע געשעענישן און דערביי נישט אַריינפֿאַלן אין שאָוויניסטישן, העצערישן טאָן".

ביים לייענען אַט די צייטפּיעסע ווערט מען דערשיטערט. עס זענען אויך אין אַ ריי ערטער פֿאַראַן פּסיכאָלאָגישע באַגרינדונגען, קינסטלערישע שילדערונגען, דראַמאַטישע איינפֿאַלן. מען פֿילט אַז קאַציזנע האָט די פּיעסע געשריבן אַזוי ווי זיין „רוכות" מיט בלוט פֿון זיין האַרצן.

אַן איינפֿאַל איז דאָס אַריינפֿירן די געשטאַלט פֿון סאָוויעטיש־ייִדישן דיכטער אשר שוואַרצמאַן און זיין באַגעגעניש מיט שוואַרצבאַרדן אין דער „געשאָכטענער שטוב". זיי זענען ביידע אין מיליטערישע קליידער: שוואַרצבאַרד אַ פֿראַנצויזישער לעגיאָנער און שוואַרצמאַן אַ רויטאַרמייער. די דאָזיקע באַגעגעניש שאַפֿט אַ באָדן פֿאַר דיאַלאָגן וועגן פּרינציפּיעלע נאַציאָנאַלע און הומאַניטאַרע פּראָבלעמען.

דער פּראָסקוראָווער פּאָגראָם ווי פּיל אַנדערע, איז פֿאָרגעקומען אין 1919, דער אַטענטאַט אין פּאַריז — 1926, דער פּראָצעס — 1927, אָבער די טעמע איז נאָך אַלץ געווען געפֿערלעך פֿאַר דער פּוילישער צענזור. פּעטלורע איז דאָך געווען פּילסודסקיס אַ פֿריינד און די אוקראַינער זענען געווען אין פּוילן אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט און אין געוויסע געביטן אַ טעריטאָריאַלע מערהייט, מיט וועלכער מ'האָט זיך געמוזט רעכענען. דאָס איז די סיבה פֿאַר וואָס די פּיעסע איז געווען פֿאַרווערט אין וואַרשע און גראַנאַך האָט זי געשטעלט אין לאָדזש אונטערן טיטל „וועלט־געוויסן" (1938). די פֿאָרשטעלונג האָט געהאַט גרויס דערפֿאָלג, אָבער די פּוילישע צענזור האָט זי לאַנג נישט דערלויבט צו שפּילן. שפּעטער האָט גראַנאַך ווידער אויפֿגעפֿירט „שוואַרצבאַרד" שוין אין לאָס־אַנדזשעלעס אין 1940.

זיגמונט טורקאָוו פֿירט אויף די פּיעסע אונטערן נאָמען „דער פּראָצעס" אין ריגע (1937), אין קאָונע (1938) און בעת די מלחמה־יאָרן אין סאַן־פּאַולאָ (בראַזיל). די דראַמע איז אויך געשפּילט געוואָרן אין יאָהאַנעסבורג (1939).

„שוואַרצבאַרד", אין דער איבערזעצונג פֿון אַנרי בולאַווקאַ, איז געוואָרן אַדאַפּטירט פֿאַרן פֿראַנצויזישן ראַדיאָ און טראַנסמיטירט אויף די כוואַליעס פֿון „פֿראַנס־קולטור" דעם 19־טן אַפּריל 1979.

נח גריס.

שוואַרצבאַרד

פּערזאָנען

פיאָטר	ביניע־אַרבעטער
איוואַן	
סימאָן פּעטלוראַ	געוועזענער אַטאַמאַן
אַשר שוואַרצמאַן	יידישער דיכטער
סעמדאָר	רעזשיסאָר
סאַליענקאַ	אַקטיאָרן, שפּעטער אַטאַמאַנען
סעמאָסענקאַ	
לירניק	באַנדורע־שפּילער
שלום שוואַרצבאַרד	
פויערל	
אורקע	אַ דרייצן־יעריק יינגל
יאַנקל	זיין עלטערער ברודער
צירל	זייער שוועסטער
שמואל	זייער זיידע
אַבראַמעק	
אַ מגושמדיקער ייד	
אַ קליין יידעלע	
שייע	
פיר אַנדערע יידן	
פריילין גרינבערג	קראַנקן־שוועסטער
חנה	שוואַרצבאַרדס פרוי
ניקיטאַ	שוואַרצבאַרדס פריינד
מאַדאַם פּעטלוראַ	
מידעלע	פּעטלוראַס טעכטערל
1־טער פּאָליציאַנט	

קלערק	
קאַמיסאַר	
2־טער פּאָליציאַנט	
וועכטער	
גענעראַל	
ד״ר לעווי	דער תּפיסה־פֿאַרוואַלטער
ד״ר קלאַד	הויפּט־ראַבינער פֿון פּאַריז
טאַרעס	אַ פּסיכיאַטער
פֿלאַרי	שוואַרצבאַרדס־פֿאַרטיידיקער
פּראָקוראָר	פֿאַרזיצער פֿון געריכט
קאַמפּענקי	אַדוואָקאַט, דער ציוויל־מאַנער
קאַסטאַ	עדות
שמידט	עדות
נעסטאַרענקאַ	עדות
פּראָפעסאָר לאַנזשעווען	עדות
שולגין	עדות
סאָפּראַ	עדות
רעדאַקטאָר	
זיין סעקרעטאַר	
פֿאַרזיצער פֿון די געשווירענע	

קלערקן, אַדוואָקאַטן, געשווירענע ריכטער, פּאָליציאַנטן, זשורנאַליסטן, ייִדן און אוקראַינער צווישן פּובליקום אין געריכט.

ערשטער אַקט

דאָס ערשטע בילד

אויף דער בינע פֿון אַ מאָסקווער פּעריפֿעריע־טעאַטער, נאָך אַ מיטינג אין פֿעברואַר 1917. פּיאָטר און איוואַן, צוויי בינע־אַרבעטער, אין בלויע בלוזעס, מאַכן אָרדענונג, צענעמען די פֿאַרצירונגען פֿון דעם מיטינג: רויטע פֿענער, די בילדער פֿון מאַרקס און ענגעלס, טראַנספּאַראַנטן מיט לאָזונגען. פֿון הינטער די טראַנספּאַראַנטן באַווייזט זיך אַ הינטערגרונט אין געלע־בלויע פּאַסן מיטן אוקראַינישן דרייצאַן אַלס אָרנאַמענט און מיט אַן אויפֿשריפֿט: „הײַדאַמאַקי״. ווײַטלעך הינטער דער בינע — אַן אוקראַינישע כאָר־רעפּעטיציע.

פּיאָטר

מען לאָזט זיי גאָר נישט קומען צום וואָרט, די אוקראַינער! מען שטערט זיי היינט אין דער גענעראַל־פּראָבע.

איוואַן

וואָס־וואָס, אָבער זינגען קאָנען זיי, הערסט?

פּיאָטר

און טיפּשים זענען זיי אויך. נו, וואָס פֿאָלט זיי איין אַראָפּצוקומען קיין מאָסקווע מיט זייערע אַלטפֿרענקישע שטיק: „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ״, „זשידיווקאַ וויכרעסטקאַ״?

איוואַן

זיי שטעלן דאָך אויך „הײַדאַמאַקי״.

פּיאָטר

איז וואָס? איז דען צייטמעסיקער?

איוואַן

Aś? (*

(* Aś — וואָס

פיאָטר

מער צוגעפּאַסט צו דער צייט? — פרעג איך. מאָסקווע לעבט ווי אויף אַ ווולקאַן. איין מיטינג נאָכן אַנדערן. גאָר ווי אין פינפטן יאָר. מאַמעלע־ראָסיי האָט זיך צעמיטינגט, ברודער! און דאָ — נאָ דיר „הײדאַמאַקי“!

איוואַן

אָבער האָסט געזען, ווי פּאָליציי איז געוואָרן העפלעך?

פיאָטר

דאָ זענען דאָך געווען מער מיליטער־לייט, ווי ציווילע. אָט דאָס ברודער, איז גוט, וואָס דאָס מיליטער האָט זיך אַ ריר געטון! אין פּעטראָגראַד איז אַ פאָרמעלער מיליטער־אויפשטאַנד! די צאַרישע גוואַרדיע איז צוגעשטאַנען!

איוואַן

Aś?

פיאָטר

די צאַרישע גוואַרדיע זאָג איך...

איוואַן

אוי־וויי וואָס וועט נעבעך זיין מיט אונדזער ניקאָלאַשען?

פיאָטר

מיט ניקאָלאַשען זאָגסטו? — ניקאָלאַשע וועט מוזן גיין.

איוואַן

וווהין וועט ער נעבעך גיין, אַ יתום?

פיאָטר

וויניק יתומים אויף דער וועלט?

איוואַן

און איך זאָג דיר: ווען דער אַלטער ראַספּוטין לעבט — וואָלט צו דעם נישט געקומען!

פיאָטר

אי, וואַניטשקאַ, ווי דו ביסט נישט קיין באַוווסטזיניקער! וואָס קאָן דאָ אויפטון איין פויער, ווען דאָס איז אַ פּראָצעס!

איוואַן

Aś?

פיאָטר

אַ פּראָצעס... אי, וואַניטשקאַ, ווען דו קומסט אַמאָל אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג. זעסטו אָט די אַלע אויפשריפטן? דאָס איז דאָך אַלץ פון זייער קאָפּ!

איוואַן

(לעזט און קראַצט זיך): יאָ! אַ וועלט־איבערקערעניש! נאָך מיט אַ האַלב יאָר צוריק וואָלט מען פאַר דעם איבערן קאָפּל נישט געגלעט: און איצט — רעכטע, לינקע, באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, גיי קלייב זיך פונאַנדער, אַז עס שווינדלט אַזש פאַר די אויגן. עי, פּיעטרוכאַ, ברודער! אַ קוואָרט ספּירט שטעל איך, יעי באָהו! מאַך מיך פאַר אַ באָלשעוויק.

פיאָטר

(מיט אַ זיפץ) אוי, וואַניטשקאַ, וואַניטשקאַ! אַלקאָהאָל דאָס איז סם פאַר דער מענטשהייט... אָבער, אַז דו ווילסט דווקא... פון קאָמפּאַניע שטיי איך נישט אָפּ!...

(הינטער די קוליסן ערגעץ עטלעכע אַקאָרדן. אַ פרויען־שטים זינגט):

Oj po pid haj zełeneńki
Barwinok se steli.
A ja pijdu na wesele,
bo miłoj se żeni... —

A ja pijdu na wesele
Z tojeju druhoju
A ja jomu swoim wydom
wesele zatroju. —

(עפּעס איז געשען אַ שטיקל אויפרודערונג הינטערן פאָרהאַנג. דאָס ליד איז איבערגעריסן. פאַרן פאָרהאַנג קומען אַרויס: פּעטלוראַ — האַלב מיליטעריש — און שוואַרצמאַן — קאַוואַלעריסט מיט געאָרגי־קרייצן, לענט זיך אָן אויף אַ שטעקן — פּעטלוראַ ווישט זיך מיט אַ טיכעלע די אויגן.)

שוואַרצמאַן

נו, — ווי פּאַסט עס פאַר אַ מאַנספּאַרשוין, חבר פּעטלוראַ?

פּעטלוראַ

דער טייוול זאָל אײַך נעמען... ווי איר האָט מיך צענומען מיט אײַער לידל! ווּ האָט איר דאָס געפֿונען אַזאַ אוצר?

שוואַרצמאַן

אין גאַליציען, חבר פּעטלוראַ! הינטער קאַלאָמייע. דאָרט בין איך, אגב, פֿאַרווונדעט געוואָרן אין פֿוס און מען האָט מיך אָפּגעשיקט קיין מאָסקווע. אַז נישט, וואָלט איך דען געהאָט די זכיה אָנצוקוקן מאָסקווע?

פּעטלוראַ

אוקראַינע זינגט! אוקראַינע וויינט! אוקראַינע בלוטיקט, אויף שטיקער צעריסן! אין קיין לאַנד אין דער וועלט זינגט מען נישט אַזוי ווי בײַ אונדז אויף אוקראַינע, חבר שוואַרצמאַן!

שוואַרצמאַן

יאָ. אײַער פּרוי איז זייער מוזיקאַליש.

פּעטלוראַ

איך קוק אײַך אָן, חבר שוואַרצמאַן — אַן עכטער אוקראַינער! אַ שטיק אוקראַינישע רויערד. וואָס אַרט מיך אײַער ייִדישקייט, אַז אײַערע אוקראַינישע לידער זענען פּערל. אָבער עפּעס פֿעלט אײַך, טײַערער! דער פּאַטריאָטישער נערוו, בײַ מיר דערגייט ער שוין ביז צו פֿאַרצווייפֿלונג. איך בין פֿאַרליבט אין מײַן אוקראַינע ביז משוגעת.

שוואַרצמאַן

דאַרף מען זיך באַהערשן.

פּעטלוראַ

דאָס קאָנט איר! איר קאָנט לעבן מיטן שכל — איר זענט אַ ייִד. שכל איז אײַער גרונט־קאַפּיטאַל. צוליבן שכל — דער טייוול זאָל אײַך נעמען! — זענט איר דאָך אַ פּאַטריאָט פֿון דרײַ נאַציעס!

שוואַרצמאַן

פֿון פֿ י ר, חבר פּעטלוראַ, פֿון פֿיר! זינט איך האָב געדינט אין קאַליש, בין איך פֿאַרליבט אין דעם פּוילישן ליד, אין

דער פּוילישער דיכטונג. אַ טאַלאַנטירט פֿאָלק זאָג איך אײַך!

פּעטלוראַ

ווער? די פּאָליאַקן? נו, חבר שוואַרצמאַן! קען מען זיך אויף אײַך פֿאַרלאָזן? איך פֿאַרשטיי נישט, ווי קאָן מען דאָס זײַן אַ פּאַטריאָט פֿון פֿיר נאַציעס?

שוואַרצמאַן

מײַנע ייִדן — זאָלן געזונט זײַן — טענהן אויך דאָס זעלבע! ביסט אַ ייִדישער דיכטער — זיי עס מיטן פֿולן מויל. צעברעקל דיך נישט אויף אוקראַינישע לידלעך! גיי דערקלער זיי, אַז איך ווייס באמת נישט, ווּ ענדיקט זיך אין מיר דער ייִד — ווּ הייבט זיך אָן דער אוקראַינער! אָט האָב איך דערהערט: אַן אוקראַיניש טעאַטער אין מאָסקווע, האָב איך געמוזט לויפֿן מיט אַ קראַנקן פֿוס און באַקענען זיך מיט אײַך.

פּעטלוראַ

ס'איז מיר זייער אָנגענעם! אַ סיורפּריז, אַ סיורפּריז באמת, צו הערן אין מאָסקווע אַזאַ יאָדערדיק אוקראַיניש, ווי איר רעדט. איר זענט אַ פֿאַציפֿיסט?

שוואַרצמאַן

ווי יעדער ייִד, פֿאַרטראַג איך נישט דעם אומזין פֿון מלחמה.

פּעטלוראַ

יאָ, מלחמה דאַרף האָבן אַ זין!

שוואַרצמאַן

גיט מיר אים!

פּעטלוראַ

(נאָך אַ קליינער פּויזע): אומאָפּהענגיקע אוקראַינע!

שוואַרצמאַן

האַ?

סעמדאָר

(אין פֿולן היידאַמאַקן־טראַכט אַרויס פֿאַרן פֿאָרהאַנג): דו ביסט גאָר דאָ, חבר דירעקטאָר? מירן שוין הײַנט — ווײַזט אויס — קיין גענעראַל־פּראָבע נישט האָבן. די בינע־אַרבע־

טער זיך צעלאָפן אויף מיטינגס. גאַנץ מאָסקווע שטרייקט.

פעטלורא

ס׳איז סאַבאָטאַזש, סעמדאַר! דאָס סאַבאָטירן די מאָסקאַלעס דעם אוקראַאינישן טעאַטער! זייט באַקאַנט: מיין רעזשיסאַר — סעמדאַר. אוקראַאינישער דיכטער — שוואַרצמאַן! (שוואַרצמאַן און סעמדאַר קוקן זיך אָן, שיסן אויס מיט אַ געלעכטער און פאַלן זיך אין די אָרעמס.)

שוואַרצמאַן

סענדערקע!

סעמדאַר

אשרקע!

פעטלורא

נאַ דיר אַ סיורפּריז! איר קאַנט זיך גאָר פון פריער?

שוואַרצמאַן

אין איין חדר געלערנט, ביי מאָניש מיט די גלעקלעך!

סעמדאַר

קוק אָן — זאָלסטו לעבן — די צוויי זיילן פון דער אוקראַאינישער קולטור!

פאַליענקאַ

(אַ יונגאַטש מיט אַ היידאַמאַקן־זשופּאַן אַריינגעשוועבט): סעמען, אַ סעמען! קוק נאָר אָן ווי עס ליגט אויף מיר דער זשופּעץ? מיר דוכט, דער שניידער — דער זשיד — כאַלאַמיד האָט אים אָפּגעקוילעט!

סעמדאַר

פאַליענקאַ, הינטישער זון! אין מיין קעגנוואַרט זאָלסטו נישט זשידעווען! מען קאָן דאָך טאַקע מיינען — ביסט אַן אַנטיסעמיט!

פאַליענקאַ

איך פייף אויף דיין טאַטן! מיין לערער פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע איז געווען — ווייסט ווער? בער באָראָכאָוו! קאָן איך שוין זיין אַן אַנטיסעמיט? זעסט סעמען? דאָ — דוכט זיך — קנייטשט זיך און דאָ — דוכט זיך — ציט!

פעטלורא

(דרייט אים אַרום ווי אַ מאַנעקען): דריי זיך, דריי זיך, גרעפין מיינע! לאָמיר דיך אָנקוקן פון אַלע זייטן!

סעמדאַר

(צו שוואַרצמאַנען): איז וואָס־זשע מאַכסטו, אשרקע? געדענקסטו נאָך — זע איך — אונדזער מאָניש מיט די גלעקלעך — דער מלמד פון קאַראַסטישעוו? שאַ! און די גראַבע כיוורע געדענקסטו?

שוואַרצמאַן

פּטור — נו! וואָס מיר פלעגן זי איבערשרעקן ביים באָדן זיך אין טייך?

סעמדאַר

אָט־אָ די טאַקע! איך געדענק גאָר נישט, ווער פון אונדז האָט זיך פאַרליבט אין איר דער ערשטער?

שוואַרצמאַן

ווער? דו — טאַקע! און ביי דיין ערשטער ליבע — זע איך — ביסטו געבליבן: אַן אוקראַאינישער אַקטיאָר.

סעמדאַר

און דו — ביי דיין צווייטער ליבע — הער איך: אַ ידישער דיכטער? אין קיִעוו האָלט מען שטאַרק פון דיינע לידער. זאָג דעם אמת, ברודער: וואָס איז דיר ליבער: ידיש צי אוקראַאיניש?

שוואַרצמאַן

מיינסט — איך ווייס?

סעמדאַר

און דו מיינסט — איך ווייס? אָט, ווי דו קוקסט מיך אָן, וואָלט איך מיטן פולן ברען געגעבן אַ שפּיל אָפּ אויף מאַמע־לשון — ווייסט וואָס? טאַקע פרצס „אין פּאַליש אויף דער קייט". מיין אַלטער טרוים! וואָס שמייכלסטו? כ׳האָב אַן אייגענע קאָנצעפּציע... קוקסט אויף מיין זשופּעץ? (צעלאַכט זיך)

פעטלורא

(גיט אַ כמאַל פאַליענקאַן איבער דער פּלייצע): אַ טראַסציאַ

טוּאַיִי מאַטערי! קוקט נאָר אָן דעם פּאָסטומענט! ווי עס ליגט אויף אים דער זשופּאַן — אויסגעגאָסן! אַן עכטער הײַדאַמאַק!

סעמדאָר

אַן עכטער הײַדאַמאַק, סעמען! כאַטש גיב אים אַ שווערד אין האַנט און הייס אים שעכטן ייִדן!

פּאַליענקאַ

העי דו! רעזשיסאָר! און דו האָסט אַ פּנים פֿון אַ ייִדן, וואָס האָט זיך פֿאַרקליידט פֿאַר אַ הײַדאַמאַק!

פּעטלוראַ

און איך זאָג דיר: ס'איז אַ געשמאַקלאָזער וויץ; גיב אים אַ שווערד און הייס אים שעכטן ייִדן. ווי פֿאַלט עס דיר אײַן?

סעמדאָר

און ווי פֿאַלט עס דיר אײַן, קולטוריסט מײַנער, אַראָפּצוּברענגען אַ טרופּע פֿון אוקראַיִנע קיין מאָסקווע, כדי אויסצושטעלן „הײַדאַמאַקי״? (צו שוואַרצמאַנען) הער — זאָלסט לעבן! מאָסקווע קאָכט ווי אין אַ קעסל. מען האָט זיך צעבונטעוועט! נישט הײַנט — מאָרגן קאָן קומען צו גאָר וויכטיקע געשעענישן. ס'קאָן זײַן, אַז אין אַ חודש אַרום וועט דאָס טעאַטער דאַרפֿן עפּעס... זאָגן אַ נײַ וואָרט. קומט ער אַראָפּ מיט די „הײַדאַמאַקי״, פּונקט ווי סאַקסאַגאַנסקי מיט דרײַסיק יאָר צוריק.

פּעטלוראַ

אוקראַיִניִעץ מײַנער! ווען דו וואָלסט געקענט אונדזער געשיכטע, וואָלסטו דאָך געוווּסט, אַז די הײַדאַמאַקעס זענען געווען אונדזערע פֿרײַהייטס־קעמפֿער, אַז די שטיק ליגט אויף דער ליניע פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער אויפֿקלערונג.

סעמדאָר

יאָ, אָבער ווען דו, דירעקטאָר מײַנער, קאָנסט בעסער אונדזער געשיכטע, וואָלסטו דאָך אויך געוווּסט, אַז די הײַדאַמאַקעס האָבן מיט די הייליקע מעסערס — אויסגעשטאָכן שטעט מיט ייִדן!

פּאַליענקאַ

איך פֿאַרשטיי נישט דײַנע טענות, סעמדאָר! דאָס איז דאָך געווען אַן אויסברוך פֿון פֿאָלקס־צאָרן. און, חוץ דעם, האָבן דאָך פּאָליאַקן אויך געליטן!

סעמדאָר

אַ דאַנק דיר פֿאַר דער טובה; צו שעכטן מיך אינאיינעם מיט סטאַך דעם רעקוויזיטאָר!

פּאַליענקאַ

ביסטו דאָך גלאַט אַ חזיר! ווער רעדט דען וועגן שעכטן?

סעמאָסענקאַ

(אויך אין אַ הײַדאַמאַקן־זשופּאַן): עי, סעמען, סעמען! קוק נאָר אָן מײַן זשופּעץ! דער זשיד — כאָלאַמיד האָט מיר אײַנגעניית די אַרבל פֿאַרקערט!

סעמדאָר

דו — אויך, סעמאָסענקאַ!

סעמאָסענקאַ

(צו פּאַליענקאַ, ווינקנדיק אויף סעמדאָרן): זע נאָר! וואָס פֿאַר אַ בייזע פֿליג האָט אים אַ ביס געטו.

פּאַליענקאַ

ער זאָגט, אַז די היסטאָרישע הײַדאַמאַקעס האָבן אָפּגעטון רציחות אויף ייִדן.

סעמאָסענקאַ

אוודאי אַזוי! ווער לייקנט עס? וואָס מיינסטו, סעמדאָר, אין די גרויסע פֿאָלקס־אויסברוכן קאָן מען זיך דערגרונטעווען צו יושר? ס'איז אַ הוראַגאַן! הוליאַי־דושאַ!

שוואַרצמאַן

אָט פֿאַר דעם, חברים, האָב איך טאַקע מורא. דעם בער פֿון וואַלד קאָן מען לײַכט אַרויסרופֿן, אָבער ווער וועט אים צוריקטרײַבן?

פּעטלוראַ

שטילער, חברה! מיר דוכט: מיר האָבן שוין געמאַכט אַן אייגענעם מיטינג. דערווײַל זענען מיר אוקראַיִנישע קינסטלער. לאָמיר טון אונדזער זאַך. לאָמיר איבערגיין די פּראָבע,

אַז נישט איז אונדזער אויפטריט אין מאָסקווע — אַ דורכ־פאַל.

לירניק

(פאַרגרימירט פאַר אַ טיפן זקן. מיט אַ באַנדורע): סימאָניע! געפעלט דיר מיין גרים, אַ? און ווו איז מיין פידל? איך דאַרף דאָך זיין אַ בלינדער!

פעטלוראַ

דו זעסט דאָך אויס ווי מתושלח, אַניסים!

לירניק

גוט אַזוי! גוט! ס'איז מיין אייגענע אידעע. וואָס עלטער — אַלץ בעסער. אַז איך האָב מיך אָנגעקוקט אין שפיגל — איז מיך באַפאַלן אַ פּחד. אַן אמתער לירניק! נו? קאָן מען שוין אָנהייבן? (שרייט אַריין הינטערן פאַרהאַנג) מאַרוסיאַ! דערלאַנג דאָרט — זיי מוחל — דעם טאָן. (עס הערן זיך איניקע אַקאָרדן).

לירניק

(מאַכט זיך שפּילן אויף דער באַנדורע. הייבט אָן זינגען):

Mimo carstwa ja chożu

Oj horie!

Hirko płaczu rydaju

(אַלע כאַפּן אים אונטער מיט אַ שטילן בוקעט פון אַ קוואַר־טעט שטימען... ערגעץ האָט אויסגעבראָכן אַ טומל. ערגעץ זינגט מען. דאָס געזאַנג האָט זיך פלוצלינג דערנענ־טערט און אויסגעוואָקסן. עס הערט זיך שוין די מאַרסע־ליעזע):

פון דער וועלט פון דער אַלטער באַפרייטע,
מיר צעוויקלען די בלוט־רויטע פאָן!
שוין די געטער, די פאַלשע, דערווייטערט
שוין צעשמעטערט דעם צאַרישן טראָן...

(צוזאַמען מיטן שטייגנדיקן טומל אַריינגעפאַלן אויף דער בינע פּיאָטר און איוואַן).

פּיאָטר

די רעוואָלוציע! זאָל לעבן די רעוואָלוציע!

איוואַן

גאַנץ מאָסקווע גייט כאָדאָראָם! מען לאַכט! מען וויינט! מען קושט זיך אין די גאַסן!

פעטלוראַ

וואָס? ווען?

פּיאָטר

דער צאַר האָט אַבדיקירט: רוסלאַנד — אַ פרייע רעפּו־בליק! אַלע פעלקער זענען פריי! מיר פירן נישט מער קיין מלחמה! אַלע זענען ברידער! אוקראַאינער! לאָמיר זיך צעקושן!

פאַליענקאַ

אַי, דאָברע! (לויפט דער ערשטער זיך קושן מיט פּיאָטרן. אַלעמען באַפאַלט אַ קושעניש.)

סעמאָסענקאָ

כלאָפּצי! וואָס־זשע טאָפּטשעט מען זיך אויף דער קליינער בינעלע? לאָמיר לויפן אויף דער גאָס! צו דער זון! לאָמיר שרייען: כאַי זשיווע אוקראַאינאַ!

אַלע

כאַי זשיווע!

פעטלוראַ

אָט אַזוי? אין די זשופּאַנעס וועט איר לויפן?

לירניק

(שטייט שוין העכער פון אַלע): ייִנגלעך! הערט מיך אויס! דער טראָן איז געפאַלן! דאָס לאַנד איז צערודערט!־ רוסלאַנד קערט זיך אום צו די צייטן פון פאַר רוריקן. די מאַכט וואַלגערט זיך אין גאָס: קומט און געוועלטיקט! ייִנגלעך! איר זייט נישט קיין אַקטיאָרן מער! אמתע היי־דאַמאַקעס! וואָס מיר מאַרסעליעזע! מיר האָבן אונדזער הײדאַמאַקן־מאַרש. דאָס איז אונדזער ליד פון רעוואָלוציע! סימאָניע, וואָס וואַרטסטו? שטעל דיך אין דער שפּיץ! ייִנגלעך! שלעפּט אַרויס אונדזער טעאַטער־דירעקטאָר אין

דער שפּיץ פון דער רעוואָלוציע! כאַי זשיווע סאַמאָסטינאַ אוקראַיִנאַ!

אַלע

כאַי זשיווע!

לירניק

זאָל לעבן אונדזער ערשטער אַטאַמאַן סימאָן פּעטלוראַ!

אַלע

כאַי זשיווע!

(די גאַנצע חברה מיט גרויס געטומל שלעפּט אַרויס פּעט־לורען הינטערן פאָרהאַנג).

סעמדאַר

(אַליין געשלעפּט פון פאַליענקאַ, וויל מיטשלעפּן שוואַרצ־מאַנען): קום! קום! אויף דער גאַס! אויף דער זון! ס'איז דאָך אַ ים! ס'איז דאָך אַ כוואַליע! אַ נײַ לעבן! (פאַ־ליענקאַ האָט אים שוין אַוועקגעשלעפּט.)

שוואַרצמאַן

(האַלט זיך צוריק): וואַרט, וואַרט! דאָס דאַרף מען באַ־טראַכטן, באַקלערן!

(הינטערן פאָרהאַנג פאַרמירט זיך דערווײַל אויפן פּאָן פון דער מאַרסעליעזע דער הײַדאַמאַקישער מאַרש.)

שוואַרצמאַן

באַקלערן... (אימפּראָוויזירט):

אַ שטראַל פון דער זון האָט אַ כוואַליע געקושט
מיט ליפּן פון לויטערן גאָלד.
אַ שפּרונג האָט די כוואַליע געטון ווי צעמישט
און לעבן — שוין מער נישט געוואָלט!

(דאָ ברעכט אויס שטאַרקער דער הײַדאַמאַקן־כאָר אויפן פּאָן פון דער מאַרסעליעזע און פאַרהילכט זי און פאַר־טויבט די מאַרסעליעזע און לאָזט זיך אויס אין אַ ווילדן סטעפּישן הילכיקן קוויטש און פּייף.)

פ אָ ר ה אַ נ ג

ד אָ ס צ ווײַ ט ע ב י ל ד

עס הערט זיך דער הײַדאַמאַקן־כאָר, וואָס אין ערשטן בילד. איצט קלינגט ער ווײַט און דראָענדיק. ער ווערט אַלץ שטילער, ווי ער וואָלט זיך דערווײַטערט. די סצענע שטעלט פאָר אַ פאַ־גראַמירטע שטוב מיט ברייט־אויפגעריסענע טירן־פענצטער אין מאַרק אַרויס. אין דעם רויטלעכן פאַרנאַכט ציען דורכן מאַרק לוויות מיט שיטערע, פאַרשטיקטע יללות. די לוויות חזרן זיך איבער מיט קורצע הפסקות. אין דער שטוב ברענט עלעקטריע. עלעקטרישע לעמפּלעך גלאַנצן אויך אין די קעגנאיבערדיקע ווײַסע פענצטער פון מאַרק, כאָטש ס'איז נאָך נישט נאַכט. אין מיטן דער פאַגראַמירטער שטוב שטייט אַ מיליטער־מאַן מיטן פּנים צו די פענצטער אין מאַרק. זײַן אוניפאָרם איז נישט קיין רוסישער. ער שטייט אָנגעלענט אָן זײַן ביקס און באַוועגט זיך קוים־קוים, ווי אַ בוים פון ווינט. זײַן באַוועגונג איז אין ריטם מיטן פאַרשטיקטן געיאָמער פון די לוויות אין מאַרק. דער מיליטערמאַן איז שוואַרצבאָרד.

דאָס שטומע בילד געדויערט אַ 20־30 סעקונדן. עס קומט אַרײַן אַשר שוואַרצמאַן מיט פעסטע מיליטער־טריט, מיט אַ רעוואָל־ווער פאָרויס — גרייט. שוואַרצבאָרד, פאַרזונקען אין זײַנע מחשבות, האָט פאַרשפּעטיקט. בליץ־שנעל כאַפּט ער זײַן ביקס, שפּרינגט־אָפּ אַ פּאָר טריט און אָט שטייען זיי שוין, איינער קעגן אַנדערן, גרייט צו שיסן, ווידער אַ 10 — 15 סעקונדן עקספּאָזיציע.

שוואַרצבאָרד

(באַמערקט אַ רויטן שטערן אויף שוואַרצמאַנס היטל):

זע נאָר! אַ רויטער!

שוואַרצמאַן

אַ סיורפּריז פאַר דיר, פראַנצויז?!

שוואַרצבאָרד

אַ טעות, חבר, איך בין אַ ייִד פון פראַנצויזישן פרעמדן־לעגיאָן. איצט — אין דעם דינסט פון ייִדישן זעלבסטשוץ.

שווארצמאן

(לאזט אראפ דעם רעוואלווער, פארשטעקט אין דער קאבורע): דא קאן מען אן אייגענעם טאטן נישט דערקענען. שוין לאנג זענט איר אין שטאט?

שווארצבארד

ערשט א האלבע שעה. מיר זענען אריין אויפן רוקן פון סעמאסענקאס באנדעס.

שווארצמאן

גרויסע אויפטוערס זענט איר קעגן זיינע באנדעס!

שווארצבארד

יא, פאראן פון וואס צו זיין פארצווייפלט. איך שטיי און קוק. איך שטיי און קוק... (בליקט צו די לוויות אין מארק) מיין נאמען איז שווארצבארד.

שווארצמאן

מיין נאמען — אשר שווארצמאן (גיבן זיך די הענט).

שווארצבארד

אשר שווארצמאן! א ידישער דיכטער?

שווארצמאן

מען זאגט אזוי... אבער איר מוזט זיין שוין גאר א פלייסיקער לעזער, אויב איר האט געהערט פון מיר.

שווארצבארד

נאך וואס זאל איך ליגן זאגן? כ'בין אליין אויך געכאפט אין דער מעשה...

שווארצמאן

הער נאר, זאלסטו לעבן, א באגעגעניש פון צוויי דיכטער!

שווארצבארד

אייערע זענען שוין לאנג אין שטאט?

שווארצמאן

דערווייל נאר א ראזוויעדקע. די באנדעס האבן נאך נישט אפגערייניקט דעם וואקזאל.

שווארצבארד

האבן זיי דא אפגעשפילט א חתונה!

שווארצמאן

איך זע שוין. קיין לעבעדיקער מענטש נישטא?

שווארצבארד

פרעג ביי די ווענט. איך שטיי שוין א מינוט צען און קיינער האט זיך נישט באוויזן. עלעקטריע ברענט, ווי די הייזער וואלטן פון זיגען אראפ.

שווארצמאן

(זעצט זיך צו): יא, אזוי זעט עס אויס אין א ידישער שטוב, ווען מען שעכט אונדז אויס ביזן ווארצל. חבר שווארצבארד! ס'איז מיר א רחמנות אויף מיין ליד, ווי אויף אן עופהלע אין פאגראם. זיי האבן עס אויסגעשאכטן! אט איז זי, די לופט פון פאגראם, די לופט פון א פארלאזענער יאטקע. חבר, קומט. שטארקער ווי א מענטש בין איך נישט.

שווארצבארד

ווהין גיין? איך קאן נישט אוועק פון דאנען. איך בין ווי צוגעבונדן, ווי די שטוב וואלט געווען מיינע און איך דער שטובס. איך שטיי אזוי און טראכט וועגן דער זיסקייט פון נקמה.

שווארצמאן

נקמה — אן וועמען? אן שיכורע קאזאקן — סיטשעוויקעס? אן זייערע אטאמאנען? אן א פארפירטן פאלק?

שווארצבארד

אן זייערע פארפירער!

שווארצמאן

פעטלורען מיינט איר? איז ער ערשטנס, איז ער אליין דער פארפירטער; צווייטנס, איז ער א מענטש. ווי וויניק אזא נקמה קאן באפרידיקן! ניין, ברודער, מען מוז איבער גאנץ אוקראינע מיטן טראקטאר איבערגיין, איבערן גאנצן לאנד, איבער דער גאנצער וועלט! דאן וועט מען פארפלאנצן עפעס נייעס. איך האב אויך געהאט א סענטימענט פאר אוקראינע, פאר איר זעלבשטענדיקייט און פאר... פעט־

לורען אַפּילו. (שפּרינגט אויף). אָך, צום טיױול: דאַיאַש קיעוו! אָט איז מײַן נקמה!

שוואַרצבאַרד

אַ פירער פון באַנדיטן טאָר נישט לעבן. ייִדיש בלוט איז קיין וואַסער נישט!

שוואַרצמאַן

איר פּאַסט עס אויף צו־אינדיווידואַליסטיש און צו־נאַציאָ־נאַליסטיש, חבר. איר מוזט זײַן אָדער אַ ציוניסט, אָדער אַן אַנאַרכיסט.

שוואַרצבאַרד

איינס פון די ביידע האָט איר זיכער געטראָפן.

שוואַרצמאַן

אָט זעט איר שוין. נו, איך וועל גיין. פון דעסטוועגן וואָלט איך אײַך געראָטן מיטגיין. פון די גרויסע נקמה־געפילן קאָן מען אַמאָל אַרײַנשיסן אין זיך אַליין, אין דער דאָזי־קער געשאָכטענער שטוב.

שוואַרצבאַרד

ווּהין זאָל איך גיין, ווּהין? נישטאָ קיין וועג.

שוואַרצמאַן

נו, חבר, איר זענט דאָך נישט קיין ייִדענע.

שוואַרצבאַרד

ניין, נישט קיין ייִדענע, נאָר צופיל ייִד פון אַ גאַנץ יאָר. איך האָב מיטגעמאַכט, אין רוסלאַנד, די רעוואָלוציע אין פינפטן יאָר. איך בין געקומען, ווי אויף מײַן אייגענער שמחה, צו דער איצטיקער. האָבן די ייִדישע צרות פאַר מיר די גאַנצע וועלט פאַרשטעלט. איך זע שוין קיין וועג נישט, חבר. און נישט אַזוי די צרות, ווי די ייִדישע אומבאַהאָלפנקייט. איך, דער פראַנצויזישער לעגיאָנער, קאָן דאָס שוין נישט תופס זײַן, ווי אַזוי איז דאָס אַ גאַנץ פאָלק אַזוי קלאָגעדיק אומבאַהאָלפן, אַזוי צו חוזק! ווי לאָזט מען זיך דאָס שעכטן, ווי די קעלבער, צו אַלדע רוחות!

שוואַרצמאַן

יאָ, אַזוי זעען מיר אויס. נו, לאָמיר עפּעס נעמען צום

אָנדענק פון דער דאָזיקער געשאָכטענער שטוב. אָט נעמט, חבר, דאָס צעריסן ספרל. עס טויג פאַר אײַך, ווען איר זענט אַפילו אַ פרײַדענקער. און איך... איך וועל מיר נעמען די פאָטאָגראַפיע פון אָט דעם מיידל. זעט ס'אַראַ סימפּאַטיש פּנים. ווען איך ווייס, אַז זי לעבט, וואָלט איך איר צו די פיס געפאַלן. וואָס מיינט איר, אַ רויטאַרמייער האָט קיין האַרץ נישט? נישט מער — אונדזער וועג איז אַן אַנדערער: טויט אָדער רויט.

(פון הינטער אַ צעבראָכענער טיר קריכט אַרויס אַן אַלט פויערל).

פויערל

נעמט נישט אַוועק פון דאַנען קיין זאַך, איר קריסטלעכע מענטשן. געדענקט אָן גאָט! דער אַטאַמאַן סעמאָסענקע האָט דאָך אַליין געזאָגט: הרגעט, שלאָגט, אָבער ייִדיש פאַרמעגן זאָלט איר נישט אָנרירן. גייט עס צום טיױול! ס'איז פאַרשאָלטן!

שוואַרצבאַרד

דאָס האָט ער דיך דאָ איבערגעלאָזט אָפּצוהיטן דאָס ייִדי־שע פאַרמעגן, דײַן אַטאַמאַן?

פויערל

וועלכער אַטאַמאַן, ליבינקער?

שוואַרצבאַרד

נו, סעמאָסענקאָ. האָסט דאָך אוודאי געהאָלפן שלאָגן, שעכטן, ברעכן און באַקומען דײַן חלק דערפאַר?

פויערל

גאָט, שטראָף מיך נישט! קיין האַרץ נישט געהאַט. איך בין, טײַערינקער, אַ היימישער, אַ היגער. איך האָב דאָ יעדעס קינד ביים נאָמען געקענט. אפילו הינער, אַז מען האָדעוועט זיי אַליין אויס, קאָן מען אויך נישט שעכטן.

שוואַרצבאַרד

וואָס־זשע דרייסטו זיך דאָ אַרום?

פויערל

איך דריי זיך אַרום? איר דרייט זיך אַרום, ליבינקע. דער־

זען דו ביסט אַריין, בין איך דיר נאָכגעגאַנגען. ביסט געשטאַנען שטיל — בין איך געשטאַנען שטיל. שפּעטער איז דער צווייטער אַריין. מען מוז דאָך דערהאַלטן אַ שטיקל אָרדענונג!

שוואַרצבאָרד

און פאַרהיטן פון אַ גנבה... דייך עסק איז דאָס?

פּויערל

אַז איך בין דאָ געווען דער נאַכט־וועכטער. איך קאָן דאָך אַלע היימישע.

שוואַרצבאָרד

פאַר וועמען היטסטו דאָ די שטוב? אפשר איז נאָך ווער ביים לעבן פאַרבליבן?

שוואַרצמאַן

(גייט צו מיט שווערע טריט צום פּויערל מיטן רעוואָל־ווער): זאָג, אפשר באַהאַלטסטו עמעצן? אוי, דאָן איז דיך נישטאָ וואָס מקנא צו זיין, זעסט?

פּויערל

(גיט אַ פאַל אויף די קני): ליבינקער! וואָס רעדסטו, וואָס? וועמען באַהאַלט איך דאָ אויס? אַז מען האָט אַלע אויס־געשאָכטן! אַלע ביז איינעם שוין אויסגעשאָכטן! נישט פאַרבליבן קיין ייד, איך זאָל זאָגן, אויף אַ חשבון צו מאַכן. זיי האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פון זאַלע ווינקעלעך. נישטאָ מער... נישטאָ. איר זאָלט מיך אפילו דערשיסן פאַר אַ ייד — איז נישטאָ. (דערזעט, אַז שוואַרצבאָרד מאַכט אַ באַוועגונג צו גיין אין צווייטן צימער). דאָס איז איבעריק! אַהין גיי נישט, טייערינקער. מען דאַרף נישט. דאָרט איז נישט גוט, אין יענעם צימער. דאָרט ליגן מתים. סאַמע מתים.

שוואַרצבאָרד

(גיט אַ פראַל אויף די טיר און א שפּרונג־אָפּ צוריק. גיט זיך אַ וויש דאָס פּנים, ווי פון אַ הייסן ווינט)! אוי, אַזוי פיל! אַזוי פיל! אויף טיש און בענק!

פּויערל

זעט איר שוין, האָ? זעט איר שוין? איך זאָג נישט קיין ליגן, ליבינקער. נישטאָ קיין ייד! (דערזעט, אַז שוואַרצ־באָרד פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים) וואָס? זענט איר נישט פון פּעטלורעס ייִנגלעך?

שוואַרצמאַן

ניין.

פּויערל

(איבערראַשט, שטייט אויף): טאָ ווי אַזוי־זשע קומט איר אין שטאָט אַריין? סעמאָסענקע איז דאָך דאָ!

שוואַרצמאַן

ער וועט שוין מער דאָ נישט זיין!

פּויערל

אַ רחמנות אייערע קעפּ, קינדער. אַ רחמנות אייערע יונגע קעפּ! איר זענט נישט קיין פּעטלוראָווצעס?

שוואַרצמאַן

ניין, אַלטער, ניין. מירן דאָ קיינעם נישט אָנרירן, אויב עמעץ לעבט נאָך.

פּויערל

אויף אייערע נאמנות?

שוואַרצמאַן

אויף אונדזערע נאמנות.

שוואַרצבאָרד

גלייבט אים נישט, חבר. דער אַלטער איז געווירט. דאָרט זענען מתים. אַ צימער פול מיט מתים.

פּויערל

יאָ, נעכטן האָבן זיך טאַקע די לעבעדיקע באַהאַלטן צווישן די טויטע, איז געקומען פריילין גרינבערג פון שפּיטאָל און זיי פון צימער אַרויסגעטריבן. היינט האָט מען אייך דערזען, זענען זיי פאַרקראָכן אין קעלער. איצט מוז איך זיי אַרויסלאָזן. זיי וועלן דאָרט ווערן דערשטיקט. (הייבט־אויף די טיר פון שטוב־קעלער) שמיל! יאַנקל! אַרויס פון קעלער! דאָס זענען נישט קיין קאָזאַקן. (צו שוואַרצ־

מאַנען און שוואַרצבאַרדן) אַזוי, אַזוי, קינדערלעך. האָט זיך אָנגעזעצט אַ פּעטלוראַ אויף אוקראַינע! ער האָט זי, זאָגט ער, ליב. אָט אַ, זעט איר, די ליבע זיינע.... מען טראָגט זי דורכן מאַרק אויפן ידישן בית־עולם. שפּעטער וועט מען זי טראָגן אויפן קריסטלעכן. איי, ייִנגלעך מיינע, אַ רחמנות אויף אייערע יונגע קעפּ! סעמאַסענקאָ איז נאָך פון שטאָט נישט אַוועקגעפאָרן. (צום קעלער) נו, שמיל! אַבראַמעק! מאיר! צירליאַ! אַרויס פון קעלער! דאָ זענען היימישע.

שטים

(פון קעלער): היימישע, זאָגסטו? איי, פּיין! אָט באַלד וועל איך אַרויס, איך וועל מיך נאָר צורעכט מאַכן.

פויערל

(שאָקלט מיטן קאָפּ, ווייזט אויפן שטערן): ער וועט זיך, נעבעך,צורעכט מאַכן... געווען דער קליגסטער מוח אין פּראָסקוראָוו. (פון קעלער־טיר טויכט אַרויס אַ צעשויבערטער קאָפּ מיט אַ האַלבער באָרד.·פאַרשווינדט גלייך מיט אַ יאָמער־געשריי).

דער קאָפּ

אוי, מאַמע, איך האָב מורא!

פויערל

אַי, שמיל, שמיל, אַז דו גלייבסט שוין מיר נישט, איז עק וועלט.

שמואל

(פון קעלער): איך גלייב, איך גלייב דיר, מיקיטאָ. אָבער איך האָב מורא.

שטים פון א יינגל

(פון קעלער): זיידע, לאָז מיך אַרויס! אורקע האָט פאַרן טייוול קיין מורא נישט. וואָס האָב איך וואָס מורא צו האָבן?

צווייטע שטים

געלער רמאי! אורקע מיט זיין מענה־לשון. וועסט אָנמאַכן צרות, הינטישער ביין!

אורקע

וועל איך דווקא (אַרויס פון קעלער אַ רויט־האָריק 13־יעריק יינגל ווענדט זיך גלייך צו די מיליטער־לייט) ווען זיי האָבן די מאַמע מיינע אַרויסגעשלעפּט פון אַלקער, בין איך דערביי געווען. שפּעטער בין איך געלאָפן איבערן מאַרק און געקליבן פּאַטראָנעס. איך האָב עפּעס גאַרנישט געווינט. אויפן מאַרק איז קיינער נישט געווען, נאָר איך און די טויבן. עס האָט מיר געקלונגען אין מוח „גוט־שבת!“.

שטים

(פון קעלער): געלער רמאי! גוט־שבת אויף דיין קאָפּ! טויבן אויף זיין קאָפּ!

אורקע

(צום קעלער): ווער פרעגט ביי דיר? שפּעטער זענען זיי אַוועק פון אונדזער שטוב, ווישנדיק די שווערדן אָן די סלופּעס פון טויער. איך האָב מיר געטראַכט, די מאַמע איז שוין אוודאי אַ פּאַרטיקע. די מאַמע איז שוין געווען אַ פּאַרטיקע. געלעגן און געכריפּעט מיט אָן אַדורכגעלעכערטער ברוסט. איצט ליגט זי אין יענעם צימער מיט אַלע טויטע. זיי ליגן שוין דאָרט לאַנג. איך בין געלאָפן אין שפּיטאָל צו דער גרינבערג און צום גבאי פון חברה קדישא, געבעטן, מען זאָל אַוועקנעמען די מתים. זיי פאַרסמען די לופט. איז מיין ברודער יאַנקל מיר נאָכגעלאָפן, אָט דער זעלבער, וואָס שרייט דאָרטן און מיר איינגעטיילט בוכענצעס, וויפל ס'איז אַריין. ס'איז אַ חרפּה, זאָגט ער, פאַר די מתים. וואָס ווילסטו זיי פּטור ווערן! און דאָס איז נישט קיין חרפּה, אַז דעם פעטער גדליה האָבן זיי דערשטאָכן און די מומע האָט אָנגעהויבן גיין צו קינד? פריילין גרינבערג האָט זי אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. איר קענט פריילין גרינבערג? זי האָט אויך פאַר קיינעם קיין מורא נישט. און דאָס איז נישט קיין חרפּה, אַז סעמאַסענקאָ האָט אַרויסגעהאָנגען אָט אַזעלכע מעלדונגען און מיין ברו־

דער יאַנקל לאָזט זיי נישט אַראָפּרייסן? (שלעפּט אַ מעלדונג פון קעשענע).

יאַנקל

(אַרויסגעטויכט פון קעלער): אַוועק מיט דער מעלדונג, געלער רמאי! וואָס גייט זיי אָן דיינע מעלדונגען, וואָס?

שוואַרצמאַן

באַרויקט איך, יונגערמאַן. מיר זענען דאָך אויך ייִדן.

פויערל

וואַ־אָס? דו ביסט אַ ייִד?! און אָט דער פּראַנצויז איז אויך אַ ייִד? טפו זאָלט איר ווערן! ווי איך האָב מיך אָפּגענאַרט! און איך, אַלט פערד, האָב מיך דערשראָקן פאַר זיי און געשטעלט אויף די קני. אויף די קני פאַר אַ פּאָר סמאַרקאַטע ייִדלעך! פּאַסקודניאַקעס, וואָס איר זענט!

שוואַרצמאַן

פּעטערל! דו ווילסט לעבן, צי דו ווילסט זאָגן ווידוי? (נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער).

פויערל

אוודאי וויל איך לעבן! פרעג אָט ביי זיי, ביי די געשלאָגענע. אַפילו זיי ווילן לעבן. איז מיר טאַקע אויף זיי אַ גרויסער רחמנות.

שוואַרצמאַן

טאָ וואָס־זשע ווילסטו?

פויערל

וואָס איך וויל, טייערינקער? מיין כבוד האָסטו מיר אָנגערירט. אָט וואָס! איך בין גרייט צו שטיין אויף די קני צוליב די געשלאָגענע, עס פּאַסט מיר אָבער נישט צו שטעלן זיך אויף די קני פאַר די געשלאָגענע. אָט וואָס! פּאַסקודניאַקעס זענט איר! (אָפּ אַ באַליידיקטער).

שוואַרצבאַרד

נו, נו. צו דער ביטערער חתונה איז דאָס אַ פּאַסיקער קלעזמער.

יאַנקל

אַ גוי — אַ צדיק! איך זאָג אייך — אַ צדיק! ווען נישט ער, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט שוין געווען מיט אונדז. אָבער, וואָס אמת, אַ ביטערער זקן. פון וואַנען זאָל ער האָבן דרך־ארץ פאַר אונדז, אַז מען נעמט און מען קוילעט אויס אין שטאָט זעכצן הונדערט ייִדן! און איר וואָלט אָנגעקוקט דעם סעמאָסענקאָ!

שוואַרצמאַן

איך קען אים פון דער צייט, ווען ער האָט טעאַטער געשפּילט.

יאַנקל

אוי האָט ער אונדז אָפּגעשפּילט אַ טעאַטער! איר מעגט אויף טשיקאַוועס, איבערלעזן זיין מעלדונג, הערן ווי ער שרייבט.

שוואַרצמאַן

(לעזט די מעלדונג, וואָס אורקע האָט אים דערלאַנגט): „איך וואָרן די באַפעלקערונג אָפּצושטעלן די אַנאַרכיסטישע רעוואָלטן, ווייל איך האָב די מאַכט זיי צו דערשטיקן. איך צי דערויף באַזונדערס די אויפמערקזאַמקייט פון די ייִדן. איר זענט אַ פאָלק, וואָס אַלע האָבן אייך פיינט. גלוסט זיך אייך דווקא זייען קנאה־שנאה צווישן רעכט־גלויביקע! ווילט איר באמת אַ סוף מאַכן צו אייער לעבן? האָט איר נישט קיין רחמנות אויף אייער אייגענער נאַציע? אַז מען טשעפּעט אייך נישט — זיצט שאַ־שטיל! אַזאַ צרהדיק פאָלק און גייט קאַליע מאַכן אַנדערע!"

יאַנקל

הערט! הערט! ס'איז דאָך צו קושן יעדעס וואָרט! שאַ־שטיל, זאָגט ער. זעכצן הונדערט שרייערס האָט ער שטיל געמאַכט אין איינע דריי טעג!

שוואַרצמאַן

(לייענט ווייטער): „איך באַפעל דעריבער די ייִדן, תיכף צונעמען און באַגראָבן זייערע מתים, אַזוי, אַז פון די פאַרלאָפענע אומרוען זאָל קיין צייכן נישט בלייבן!"

שוואַרצבאָרד

(גיט פּלוצעם אַ זעץ מיטן פויסט אָן ברעג טיש און ברעכט אָפּ אַ ברעט. יאַנקל און אורקע שפּרינגען אָפּ. פון קעלער הערט מען אַ פּאָר קוויטש־געשרייען. יאַנקל איז אָבער באַלד געקומען צו זיך).

יאַנקל

(צום קעלער): גאַרנישט, גאַרנישט. הלוואַי וואָלט דאָס געווען אונדזער איינציקער שאָדן. (צו שוואַרצבאָרדן): אַ ייִד וויַיזט עס אַרויס אַ שוואַרצע גבורה!

שוואַרצבאָרד

די ברעט איז, וויַיזט אויס, געווען אַ צעפּוילטע.

יאַנקל

ניין, ליבער ייִד, דאָס זענען מיר אַליין צעפּוילטע. מיר וואָלטן געווען נישט קיין צעפּוילטע, וואָלטן מיר נישט געלאָזט זיך שעכטן ווי די קעלבער! וואָלטן איצט אונדזערע מתים נישט פאַרשטונקען די לופט. אורקע, ברודער מיינער, וויפל האָבן מיר נאָך ליגן נישט קיין באַגראָבענע?

אורקע

מיר האָבן נאָך ליגן דעם טאַטן, די מאַמען, דעם ברודער משה־חיים, די שוועגערין איטע און דעם סטאָלער מיט זיין מיידעלע. מער נישט.

יאַנקל

איר הערט? דאָס — אין איין שטוב! היינט גיט נאָר אַ טראַכט; ער הייסט אונדז באַגראָבן די מתים אַלע אין איין טאָג. ביי אים האָט עס געדויערט דריי טעג. ס׳הייסט, מאַכן זיי, די מתים. און עס פעלן דאָך טאַקע הענט. אָט די זעכצן הונדערט געשאָכטענע, ווען זיי לעבן, וואָלטן זיי זיך דאָך אַליין באַגראָבן! כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!

אורקע

הער אויף! הער אויף, זאָגט מען דיר! ווילסט צו די משוגעים? זיידע, ער לאַכט שוין ווידער!

יאַנקל

שאַ, אורעלע, שאַ, טייערער! איך לאַך שוין נישט, ניין!

שמואל

(מיט דער האַלבער באָרד, אַרויסגעקראָכן); זע נאָר, מען הערט דאָך טאַקע אַ ייִדיש וואָרט. אַ צדיק אַ גוי, מיקיטאַ. ער וועט נישט אָפּנאַרן. אוי, רבותי, אַן אומגליק האָט אונדז געטראָפן. ס׳איז דאָך אַ חרפּה צו דערציילן פאַר דער וועלט. גענומען מענטשן און זיי איבערגעשניטן די העלדזער — כיק! גענומען עופּהלעך און זיי צעשאָכטן, ווי אַ זיפּ. אָבער איר וויסט גאַרנישט, ווי טיף איז אונדזער צער. אָט ליגן מיר אין קעלער, ווי די הערינג אין פעסל, און עס נאָגט אונדז אויס דאָס האַרץ; זאָלן זיך עס געפינען אויף דער וועלט אַ פּאָר צדיקים, וועלכע זאָלן אויף אונדז רחמנות האָבן! מילא, העלפן קאָן מען אונדז נישט. אָבער רחמנות, מיטלייד! ווי שייך מיר זאָלן זיין, ווי שטיינער אין פעלד, אין גאַנצן אויף הפקר!? קיין מענטשן זאָל נישט אָנגיין, צי בין איך שמואל, צי בין איך אַ קופּע שטינקענדיק פלייש!? נאָך אַ זיפץ בענקט זיך, נאָך עמעצנס אַ זיפץ איבער אונדזערע צרות. קומט איר, אַ לעבן אויף אייערע קעפּ, — צוויי צדיקים — און איר דריקט אונדז אויס מיטלייד, איז טאַקע די מיצווה גרויס. כאָטש צוריקגעשמועסט איז דאָך אויף אייך אַליין אַ רחמנות. איר זענט דאָך אויך ייִדן. און אַ מענטש האָט דאָך נאָר איין קאָפּ אויף די פּלייצעס און מיט פּעטלורען זענט איר דאָך אוודאי נישט קוצינער־מוציניו, האַ?

יאַנקל

דער זיידע האַלט נאָך איצט מיט אים, דער זיידע!

שמואל

ווי דען? אַ ייִד איז אַלע מאָל דאָס כפּרה־הינדל. אַ ייִד דאַרף בלייבן דער מדינה טריי.

שוואַרצבאָרד

זיידעניו, איז פּעטלוראַ די מדינה?

שמואל

אָט זעט איר דאָך, וואָס ער מאַכט פון אונדז.

שוואַרצבאָרד

איז ער גערעכט אין אייערע אויגן?

שמואל

ווי שייך גערעכט? מאָלט אייך, ער איז נישט גערעכט. ווילסט שטראָפן — שטראָף. שעכט צוואַנציק, שעכט פופציק. אָבער מען שמועסט דאָך עפּעס וועגן זעכצן הונדערט אין איין שטאָט! אוי ווי איז מיר! עס וועט דאָך אונטערגיין אַן אומה! יאַנקל! אונדזערע האָט מען שוין אָפּגעשטעלט אין מתים־שטיבל? ס׳טייטש! עס איז דאָך אַ בפירושע פאַראָרדענונג פון קאָמענדאַנט! איך וועל גיין זיי אָנקוקן. מנאַ, וואָס וועל איך שוין זען, מ׳שטיינס געזאָגט, אַ שיינעם פּנים האָט מען נאָך אַ מיתה־משונה. מיין אַלטע איז געשוואָלן, ווי אַ באַרג. מען זעט גאָר קיין פּנים נישט אַרויס.

אורקע

זיידע! הייבסט שוין אָן, זיידע! יאַנקל, ער רעדט שוין וועגן זיין אַלטער! אַז ער — צו דער אַלטער, וועל איך צו די טויבן!

יאַנקל

געלער רמאַי! טויבן אויף זיין קאָפּ!

שמואל

אַ חכמה אַ ידענע געווען, שרה! באַהאַלט דאָס קניפּל, זאָג איך, באַהאַלט! די קערענקעס, די דומסקע, די קאַרבאָוואַנצעס, דער עיקר — די קאַרבאָוואַנצעס, דאָס איז אונדזער מלוכיש געלט! גיי שוין, גיי בהמה — זאָגט זי. סעמאָסענקאָ וועט דען אָנרירן אַ ידישן גראָשן? ער האָט נאָר געשיקט, די לאַפּיטוטן זיינע, אָוועקנעמען דאָס נפש ביי אונדז. און זי האָט געטראָפן, ווי איך בין אַ ייד, געטראָפן! קיין גראָשן האָט מען נישט אָנגערירט! כע־כע־כע! כע־כע־כע!

אַבראַמעק

(אַ מיטליעריקער ייד מיט אַ פלאַמיקער באָרד, טויכט אַרויס): וואָס הייסט עפּעס קיין גראָשן נישט, האַ? און

מיין זאַלץ איז דיר אַ הונט? 35 פּוד זאַלץ, אויף צוויי וועגענער געפירט, אַזש פון זנאַמענקאַ! איר זאָלט אַ קוק טון — זאַלץ! ווייסער ווי שניי! אַן עשירות! איז עס צערונען, ווי צעגאַנגען אין וואַסער, אויס זאַלץ! האַ, וווּ איז יושר, פרעג איך אייך! נאָר ביי אייך — יושר! ביי אַ גאַנדז — האָבער! איר אַליין ווייסט דען פון יושר?

יאַנקל

איך בעט דיך, אַברהמטשע, וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף די ידן מיט דיין זאַלץ! אַ קאָמעדיע, כ׳לעבן.

אַבראַמעק

איך ווייס שוין דווקא יאָ, וואָס איך רעד. ביי לייטן, אַזעלכע געזונטע יונגאַטשעס מיט ביקסן, היטן אָפּ דאָס ייִדישע האָב און גוטס. היטן עס אָפּ פון באַנדיטישע הענט. און די זענען אַוודאי אַליין באַנדיטן, אויב נישט נאָך ערגער. יאַנקל, ווייסטו אין וואָס איך בין זיי חושד? דאָס זענען גאָרנישט קיין יונים. דאָס זענען צוויי ידישע שרייבערלעך, פאַרשטעלטע פאַר סאָלדאַטן. זענען געקומען אויסקוקן אונדזערע צרות און מאַכן פון דעם אַ ליד. און דאָס ליד וועט מען פאַרקויפן קיין אַמעריקע און מען וועט אָפּנעמען די רעכטע פאַר דאָלאַרן. האַ, געטראָפן? געטראָפן, ווי איך בין אַ ייד!

שוואַרצמאַן

איז וואָס־זשע ווילט איר, פּעטער?

אַבראַמעק

איז וואָס־זשע וויל איך? זענט איר מיר אָנגעלעגטע געסט. צירל! צירל, קום נאָר אַרויס! דיינע פּאָעטן זענען געקומען. זיי וועלן באַלד באַשרייבן אונדזער גאַנצן פּאַלאַץ מיט אַלע אונדזערע מאָלצייטן, מיט דיר, בת־מלכה מיינע, אין איינעם.

צירל

(אַרויס פון קעלער): זע נאָר, טאַקע אמתע פּאָעטן און איך האָב עס נישט געוווּסט! לאָזט מיך נאָר צו צו זיי. (די הענט אויף די באַקעס) וואָס מאַכט איר, חברים?

ווי אַזוי שפּאַצירט זיך אייך אַרום אין אייער אינקאָגניטאָ? אין די קליידער פון די באַשיידענע פּראַנט־זעלנער? זע נאָר! דער איז אַ פראַנצויז, דער איז אַ היימישער. זאָל לעבן דאָס פאָטערלאַנד! וויוו לאַ פראַנס! נו, וואָס? געקומען אוודאי מאַכן אַ סטאַטיסטיקע פון יידישע כפרות, פון געשענדעטע יידישע טעכטער, וואָס? אַ מכה וועט איר זיך דערוויסן! און אַז געשענדעט, איז וואָס? אייער באַבעס עסק? באַדאַרפט איר אין גראַמען און טעלע־גראַמען צעפּויקן איבער דער וועלט!? גערער חסידים זאָל אַ נכפה כאַפּן, וואָס מען האָט אונדז טריף געמאַכט און אַמעריקאַנער מומעס מיט בריליאַנטענע פינגערלעך זאָלן ווישן אַ טרער, וואָס זיי זענען דערביי נישט געווען?!

שוואַרצבאַרד

פריילין, שוועסטער! לאָזט געמאַך, איך בעט אייך. איך בעט דיך!

צירל

וואָס פאַר אַ שוועסטער בין איך אייך? און ווי וואָגט איר מיך צו דוצן, נידערטרעכטיקע בריאה!

שוואַרצבאַרד

(צעיאָמערט זיך אומגעריכט היסטעריש און שלאָגט זיך מיט די פויסטן איבערן קאָפּ): אוי־אוי־אוי, וויי צו מיין קאָפּ, וואָס איך האָב עס דערלעבט!

שוואַרצמאַן

נו, אַ סוף! נעמט אייך אין די הענט אַריין, חבר, און קומט. איר זעט שוין אַליין, אַז ס'איז די העכסטע צייט.

שוואַרצבאַרד

(אין פריערדיקן היסטערישן טאָן): ניין־ניין־ניין! איך קאָן נישט, איך וויל נישט! זאָל זי מיך נישט באַליידיקן, זאָל זי מיך נישט זידלען, זי — נישט!

(אַ רגע — שטיל. עס ברעכט אויס אַ האַמעריש גע־לעכטער פון אַלע אומגליקלעכע).

צירל

פּיצעלע מיינס! גיב נאָר אַ קוק, ווי דאָס האָט זיך

צעפּלאָנכעט!

אַבראַמעק

אפשר אים אָפּווישן די נאָז? (טוט אַ סמאָרע מיט דער דלאָניע איבער שוואַרצבאַרדס פנים) פנים, ווו האָסטו גע־נעכטיקט? באַשיצער אונדזערער, פאַרקליידעטער פּורים־שפּילער! יידן, זעט נאָר, זעט נאָר אַ שיינס, אויף בילעטן! (פון קעלער, פון די ווינקלען קריכן פאַרבאַנדאַזשירטע, פאַרצווייפלטע, צעשמייכלטע נפשות, רינגלען אַרום די מי־ליטער־לייט).

שוואַרצמאַן

(באַמיט זיך וואָס־געלאַסענער זיי אָפּצושטופּן): יידן, אפשר וועט איר לאָזן אַ מענטשן זיך אויסוויינען, מסתמא האָט אים צוגעדריקט, אַז ער וויינט.

יאַנקל

האַ, וואָס? וויינען? וואָס זאָגסטו, זאָלסט געזונט זיין, צו דער חוצפה! געקומען אין אַ פרעמדער שטוב, צו פאַ־גראַמירטע, אומגליקלעכע מענטשן און זיך אַוועקגעזעצט אויסוויינען, לינדערן דאָס האַרץ? טפו אויף אייך, איך וויין? אורקע, דו וויינסט?

אורקע

וויינען גאָר?!

יאַנקל

אַז איר טוט וויינען, פעטער, טאָ וואָס דאַרפן מיר שוין טון? באַגראָבן זיך לעבעדיקע. ס'איז אַ צו גרויסער לוק־סוס, קומען צו אונדז זיך אויסוויינען: פאָרט אייך צוריק אין אייער פראַנקרייך. ווער האָט געשיקט נאָך אייך?

מגושמדיקער ייד

(מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ): און נאָט אייך אַ שמעק־טאַ־באַק אויפן וועג, וועט איר זיך מחיה־זיין (דערלאַנגט שוואַרצבאַרדן מיט דער פויסט אַ שמעק־טאַבאַק אונטער דער נאָז און צעבלוטיקט אים).

אַ קליין יידעלע

(אין אַ מאַנטל ביז די פּיאַטעס זעט אויס ווי אַ ליאַלקע):

אַ מיצווה אויף אים. האָסט געהערט, אַ ייִד זאָל וועלן אַרויס טרוקן פון עסק? שאַיע! קום אַהער, שאַיע! אַט איז שאַיע אויך אָפּגעקומען מיט אַ קלייניקייט. איר קאָנט זיין בײדע חברים. קום אַהער, שאַיע. אַט האָסטו דאָ אַ קונה אויף דיין באָרד.

שאַיע

(דאָס פנים אַרומגעבונדן מיט אַ פאַרביק טיכל, ווי פאַר צאָן־ווייטאָג): אַט־אָ בין איך. איר קויפט אַ באָרד? נאָט אייך מיין באָרד. (הייבט אָן אויפצוּוויקלען אַ פאַרבלוטיקט פאַפּירל).

שוואַרצמאַן

נעמט אים אַוועק!

שאַיע

וויי־וויי! וואָס שרייט איר אַזוי? אַ באָרד, ווי אַלע בערד. אַ באָרד ווי אין טעאַטער. זיי האָבן מיך געצויגן פאַר דער באָרד און איך האָב מיך געצויגן אין דרויסן, האָט זי זיך אָפּגעריסן מיט דער הויט אין איינעם. גוטע מענטשן האָבן זי שפּעטער געפונען און מיר אומגעקערט מיין שאָדן. הכלל, קויפט איר אַ באָרד?

שוואַרצמאַן

(מיטן רעוואָלווער): טרעט אָפּ!

שוואַרצבאָרד

(אָפּווישנדיק דאָס בלוט פון פּנים): לאָזט זיי צורו חבר שוואַרצמאַן. איר זעט דאָך...

שמימען

— קוק אים אָן! ער גייט דאָך טאַקע שיסן!

— וועמען גייט איר שיסן, רב קרוב?

שוואַרצמאַן

נו, חבר, אונדזערע וועגן צעגייען זיך. אייך, ווייזט אויס, געפעלט דאָ שטאַרק דער ברוך־הבא. איך קאָן דאָ מער קיין מינוט נישט בלייבן. זעט, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון אייך! דאָס איז אַ געשמאַק־זאַך, חבר. איך קאָן נישט לאָזן זיך שלאָגן אַפילו פון פאַגראָמירטע ייִדן. איר גייט?

שוואַרצבאָרד

גייט, חבר, גייט און לאָזט מיך דאָ איבער אַליין. מיר וועלן שוין מיט דעם עולם אַדורכקומען.

(שוואַרצמאַן מאַכט זיך אַ וועג מיטן רעוואָלווער. אָפּ).

איין ייִד

אַוועקגעלאָפן ראַטעווען די וועלט!

צווייטער ייִד

איז מיט איין טיפּש ווייניקער!

דריטער ייִד

און דער, ווייזט אויס, איז פאַרבליבן דאָ ראַטעווען דאָס ייִדישע פאָלק. עפּעס געפעלט מיר נישט די גאַנצע מעשה. הערסט?

פערטער ייִד

וואָס זשע קוקט איר אים אין די ציין? פאַר אַ ייִד אויך מורא האָבן?!

(זיי גרייפן ווידער אָן שוואַרצבאָרדן. אַ צעבלוטיקטער, באַמיט ער זיך אויסצומיידן זייערע קלעפּ).

שוואַרצבאָרד

ייִדן, וואָס שלאָגט איר מיך? עס טוט דאָך מיר וויי?

מגושמדיקער ייִד

אַט דאָס ווילן מיר דאָך, עס זאָל דיר וויי טון.

שאַיע

זע נאָר, אַ בן־יחיד!

שוואַרצבאָרד

נישט אייערע קלעפּ. עס טוט מיר וויי אויף אייך קוקנדיק.

מגושמדיקער ייִד

אַזוי? קוקט מען נישט. גראָבלט מען זיך די אויגן אויס. פאַרטיידיקער אונדזערער! פאַרשטעלטער פּורים־שפּילער! ווו האָסטו דאָס געלקחנט אַזאַ מונדיר?

(שוואַרצבאַרד פאַרקריצט מיט די ציין פאַר רציחה, וואַרפט זיך אויפן מגושמדיקן ייִד און מיט איין זעץ

וואַרפט ער אים אוס. אַלע שפּרינגען, צעבראָכן שוין, אַפּ
אין ערפורכט.)

מגושמדיקער ייד

אוי־אוי, ידן, ער וועט מיר די ביינער צעברעכן! אוי!

אַלע

(אָפּטרעטנדיק): אַ רציחה פון אַ גוי! ער איז אַ גוי! דאָס דאַרף מען צו קאָנען אומוואַרפן דעם קאָוואַל מיט איין זעץ!

(שוואַרצבאַרד איז צעטומלט, ער האָט שוין חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט געטון).

קליין יידעלע

וואָס־זשע קוקט איר אים אין די ציין? וואָס האָט איר מורא פאַר אים? איר ווילט ער זאָל אייך איינציקווייז אױעקלייגן אַזוי ווי וועלוועלען?

(וואַרפט זיך אויף שוואַרצבאַרדן און הייבט אים אָן קיילן מיט די קליינע פויסטלעך. שוואַרצבאַרד פאַרשטעלט זיך בלויז דאָס צעבלוטיקטע פּנים און לאָזט זיך שלאָגן.)

קליין יידעלע

זעץ, ווי אין אַ זאַק, אַז סע נעמט אים נישט! סע נעמט אים נישט! וואָלט ער כאָטש געוויינט!

שוואַרצבאַרד

(כאַפּט אַרום און דריקט־צו צו זיך דאָס קליינע יידעלע. יענער קאָן זיך שוין נישט רירן מער). וואָס־זשע ווילסטו? ווער לאָזט דיך נישט הנאה האָבן פון דיינע קלעפּ? שלאָגסט דאָך מיך. שלאָג. לאָמיך אויך זיין אַ געשלאָגענער הונט. ס׳איז דאָך מיר אַ וויטאָג פאַר דיר, דו קליין פאַרשטונקען יידעלע. וואָס איז דיך באַטרעף? נו, וואָס איז דיין באַטרעף? זאָל איך דיך צערייבן, ווי אַ וואַנץ? זאָל איך דיך אַ זעץ־טון אָן דר׳ערד און צעשיטן דיינע ביינדעלעך?

(הייבט־אויף דאָס קליינע יידעלע אין דער לופטן).

שטימען

אוי־אוי! ער שלידערט אים אָן דר׳ערד! ער צעטרייסלט אים, ווי אַ לולב!

קליין יידעלע

(ווי אַן אמתע ליאַלקע): יי־יי־דן, איך פאַך מיט דער נשמה!

שוואַרצבאַרד

(שטעלט אים פאַרזיכטיק אַראָפּ): ס׳איז מיר אַ חרפּה פאַר דיר און פאַר זיך און פאַר אונדז אַלעמען. מיר מעגן מקנא־זיין יענע אין צימער דאָרטן. איר זענט גערעכט, וואָס איר לאַכט פון מיר, וואָס איר לאַכט פון אונדז! איך האָב זיך געשלאָגן פאַר פראַנקרייך, מיין חבר שלאָגט זיך פאַר דער וועלט, און ווער, ווער זאָל דערווייל באַשיצן אונדזער כבוד?! ווער זאָל זיך איינשטעלן פאַר אונדז?! איר זענט גערעכט!

(בלייבט זיצן אַ פאַרקלאָגטער. עס ענדערט זיך די שטימונג. פון די ווינקלען — איכה־קלאַנגען).

שטימען

ווער זאָל זיך איינשטעלן פאַר אונדז? (שווערע פּויזע).

צירל

(די הענט אויף די באַקעס. דרייט מיט די זייטן. צו שוואַרצבאַרדן): חבר פראַנצויז! אַ „פּאַ־דעס־פּאַן" טאַנצט איר? ווי שייך! געדינט אין פראַנקרייך און קאָנט נישט טאַנצן?

שוואַרצבאַרד

חברטע, לאָזט מיך צורו, איך בעט אייך.

צירל

ווי שייך! געקומען פון פראַנקרייך און לאָזן אייך צורו? קומט טאַנצן! אורקע, דריי־אָן דעם גראַמאָפאָן, אויב די קאָזאַקן האָבן אים נישט מיטגענומען, אורקע!

שטימען

— צירל, אַ שמחה אויף דיר, צירל!

— באַרעכן נאָר: מוזיק אין פּראָסקוראָוו!

צירל

וואָס דען? נישט מוזיק? וואָס דען, נישט אַ שמחה? מיר לעבן דאָך! אַרויס פון אַ קאַטאַסטראָפע! זעכצן הונדערט זענען אומגעקומען און מיר לעבן נאָך אַלץ! דאַרפן מיר זיך פרייען, דאַרפן מיר טאַנצן!

שוואַרצבאַרד

חברטע, האַרציקע, איך קאָן נישט.

(עס שפּילט שוין דער גראַמאָפאָן)

שטים

(פון ווינקל): **אוי, אוי! כ׳וועל דאָס נישט אויסהאַלטן.**

צירל

זידע, ער וויל מיט מיר נישט טאַנצן, זיידע. ער האָט מורא, ער וועט זיך אָנשטעקן.

שמואל

זון מיינער, פאַרדין אַ מיצווה, גיי מיט צירלען אַ טענצל. מען טאָר זי׳ נישט מצער זיין.

(שוואַרצבאַרד גייט טאַנצן מיט צירלען. ס׳קומט אַריין פריילין גרינבערג. דער גראַמאָפאָן ווערט אַנטשטומט).

שטימען

— **פריילין גרינבערג פון שפּיטאָל!**

— **אונזער גוטער מלאך!**

— **אונדזער אמתע באַרמהאַרציקע שוועסטער!**

יאַנקל

אוי ווי איז מיר! און וואָס מאַכט מומע נעכעלע?

פריילין גרינבערג

שוין איבערגעקומען.

יאַנקל

טאַקע? נו, און דאָס קינד? אַ יינגל? אַ מיידל?

פריילין גרינבערג

אַ טויט קינד געווען.

שמואל

גוט אַזוי, גוט. בעסער אַזוי. אַ ייד זאָל בעסער נישט געבוירן ווערן!

פריילין גרינבערג

און וואָס איז דאָ ביי אייך פאַר אַ שמחה? מען הערט דאָך אין גאַס די מוזיק!

יאַנקל

אונדזער צירל, נעבעך. אַ ווילדער קאַפּריז. איר האָט דאָך אַליין געהייסן מען זאָל איר נאָכגעבן.

פריילין גרינבערג

צירל! נאָך אייך, צירל, בין איך טאַקע געקומען.

צירל

(פאַרציטערט) **נאָך מיר?**

פריילין גרינבערג

יאָ. כ׳וועל אייך באַגלייטן אין שפּיטאָל, ס׳וועט אייך קיין ביז נישט געשען. שפּעטער וועל איך אייך באַגלייטן אַהיים. קומט, נאַרעלע.

צירל

אָבער צו וואָס דאַרף מען מיך אין שפּיטאָל? כ׳בין דאָך נישט משוגע. כ׳האָב געוואָלט טאַנצן. מיר ווילט זיך שוין נישט, ניין. אַ, אַ, איך פאַרשטיי שוין, איך פאַרשטיי שוין, איך פאַרשטיי...

פריילין גרינבערג

אַז איר פאַרשטייט, איז גוט. פאַר אייער טובה וועגן.

צירל

אַזוי, אַזוי! וועט איר מיך פירן אין שפּיטאָל, פריילין גרינבערג. איר זענט אַ פרוי און איך בין אַ פרוי. מיר האָבן דאָךביידע אין איין שולע געלערנט. די זעלביקע ביכער געלייענט, דעם זעלביקן טעאַטער באַזוכט, ווען אַ טרופּע איז געקומען. איצט זענט איר אויבן, איך — אונטן. איר וועט מיך באַגלייטן. המ... און אַז ס׳וועט אַלץ גוט זיין, וועל איך קומען אַהיים. אַז נישט — פאַרבלייבן אין שפּיטאָל. וואָס רייד איך? דער שפּיטאָל איז איבער־פולט. מען וועט מיר מיטגעבן אַ פלעשעלע רפואות און אַ נומער פון מיין קרענק און מען וועט אָנזאָגן שטרענג, איך זאָל אַ מענטשן די האַנט נישט דערלאַנגען.

פריילין גרינבערג

טרייבט נישט איבער, צירל!

צירל

(שרייט אויס): וואָס הייסט? אַז איך וועל אייך זאָגן, ס׳איז מיר אַ חרפה?

פריילין גרינבערג

מיר אויך! מיר אויך! מיר אויך! צו זיין די באַגלייטערין פון מיינע חבֿרטעס! איך בין נישט אויבן. איך בין אונטער אייך אַלע! (באַהערשט זיך) מען שעמט זיך אָבער אָפּ, ווען מען דאַרף זיך פאַרהיטן.

צירל

אַז איך קאָן אָבער נישט!.. און איר וועט דאָך זאָגן, איך זאָל גיין. אוודאי גיין. פאַרהיטן דאָס געזונט. נו, גיי איך. גיי איך מיר די בלוזקע איבערטון. (צעלאַכט זיך גייענדיק), אַז איך האָב אָבער געוווּסט, אַז מען וועט קומען נאָך מיר... (אָפּ).

פריילין גרינבערג

(צו שוואַרצבאַרדן): ווער האָט אייך צעבלוטיקט?

שוואַרצבאַרד

(ווישט זיך דאָס בלוט): דאָס מיינט איר? געפאַלן ביי דער שוועל. געמיינט, כ׳וועל דאָ קריגן וואַסער. איר אַרבעט אין שפּיטאָל?

פריילין גרינבערג

אין שפּיטאָל. און איר — זענט נישט קיין היגער?

שוואַרצבאַרד

געקומען פון פּאַריז.

פריילין גרינבערג

דאָס זע איך. געדינט ביי די פראַנצויזן?

שוואַרצבאַרד

יאָ. געקעמפט פאַר פראַנקרייך.

פריילין גרינבערג

וווּהין מענטשן קאָנען אַלץ פאַרקריכן און ווו מענטשן קאָנען זיך אַמאָל באַגעגענען!

שוואַרצבאַרד

יאָ. כל־זמן מען לעבט.

פריילין גרינבערג

וואָס דויערט עס ביי צירלען אַזוי לאַנג?

שמואל

האָ? אַליין, אַליין געלאָזט דאָס קינד אין חדר? ווער האָט דאָס אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד פון אויוון?

(אויפרודערונג. אייניקע לויפן צום צווייטן צימער, אייניקע בלייבן אין טעמפּער שרעק. שמואל לויפט אויך.)

צירל! צירל! צי... כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!

יאַנקל

אוי וויי! אוי וויי!

(עס לויפט אויך אַרויס פריילין גרינבערג. שוואַרצבאַרד בלייבט זיצן מיטן קאָפּ אין ביידע הענט. וויגט זיך שטום, ווי אַ בוים. אין צווייטן צימער הערן זיך אויסגעשרייען, אַ פּאָר פאַרשטיקטע ילֵלות. יאַנקל גייט אַרויס. פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים. שוואַרצבאַרד שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט דאָס אַלץ געוווּסט).

פריילין גרינבערג

(קומט צוריק מיט אַ פאַרשטיינערטן אויסדרוק): זעכצן הונדערט מיט איינס!

שוואַרצבאַרד

קעגן איינס. פריילין גרינבערג! איינע האָט דאָך געמוזט באַשיצן אונדזער כבוד!

(ווישט דאָס בלוט פון פּנים, פאַרביי די פענצטער — אַ לוויה.)

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט

דאָס ערשטע בילד

אַ קליינע זייגערמאַכעריי מיט אַ שויפענצטער צו דער גאַס. שוואַרצבאַרד זיצט מיט אַ לופּע אויפן אויג און פּאָרעט זיך ביים וואַרשטאַט איבערן געווערק פון אַ זייגערל. זינגט ביי דער אַרבעט:

אוי נישט אַזוי דאָס קליינע פייגעלע,
ווי זיין שיין טון פליען,
געקומען איז עס געוויער ווערן,
וואָס זיינע עלטערן טיען.

טוט־אויס די לופּע, כאַפּט אַ קוק אויפן וואַנט־זייגער, לייגט־אָפּ דאָס געווערק אויף אַ מאַרמאָר־טאָול אונטער אַ קלאָש. מאַכט אַ פּאָר גימנאַסטישע איבונגען און ווישט מעכאַניש מיט די הענט דאָס פּנים. די לעצטע באַוועגונג איז אַ מין נערוועזער אַטאַוויזם פון דעם ווישן זיך דאָס בלוט פון פּנים מיט זיבן יאָר צוריק. במשך פון דאָזיקן בילד חזרט איבער שוואַרצבאַרד די זעלביקע באַוועגונג אייניקע מאָל, אַזוי אַז דעם צר שויער גיט זיך איבער דער איינדרוק ווי אַ נערוועזע צוטשעפּעניש פון וועלן זיך אַראָפּווישן די הויט פון פּנים. אין די גאָר רואיקע מינוטן קומט נישט די באַוועגונג צום אויסדרוק.

שוואַרצבאַרד
די קליינע שעלמע! לאָזט אַ מאַן הונגערן און מאַטלט אוודאי מיט עפּעס אַ חברטע. (מאַסירט זיך מיט דער האַנט אַרום דעם מאָגן) און איך וואָלט איצט אויפגעגעסן אַ בער. צוויי בערן! נו, געדולד. געדולד, קאָזאַק, וועסטו ווערן אַן אַטאַמאַן! אַן אידיאָטיש שפּריכוואָרט. איך קען אַזעלכע אַטאַמאַנען... (שפּאַצירט זיך דורך איבערן ענגן

צימער. נעמט אַראָפּ אַ ציַיטונג פון דער פּאָליצע, מיט אַ בילד אין דער מיט. בלעטערט אויף, גיט אַ שמייכל, אַ וויש דאָס פּנים) אַן אינטעלעקטועלער! אַ טיפּישער אינטעלעקטועלער! אומבאַגרייפלעך!

חנה

(אַריינגעקומען אַ צעשמייכלטע מיט אַן עלעגאַנט פּעקעלע, מיט אַ הינטעלע אויף אַ קייטל): מע וואַוואַסי!

שוואַרצבאַרד

אַנפּען!

חנה

מאַן שערי! האָסטו זיך קוים דערוואַרט. ביסט געבעך הונגעריק.

שוואַרצבאַרד

אַלץ הייסט הונגעריק. כ׳וואָלט איינגעשלונגען דעם שור־הבר מיטן לויתן מיט אַלע רעאַקציאָנערע מאכלים. ווי האָט מען דאָס אַ האַרץ אַזוי אויסצוהונגערן אַ מאַן? (צום הינטל): נו, צערבער טייערער, וואָס זאָגסטו נישט צו אונדזער באַלעבאָסטע? ס׳איז אונדז בײדן נישט מקנא צו זיין, האַ? האָסט שוין געפרעסן, זונעלע מיין?

חנה

(אויסגעטון די הענטשקעס, גרייט צום טיש): זאָרג נישט פאַר צערבערן, נשמה מיין. דער תכשיט כאַפּט דעם ערשטן בעסטן ביסן. ער איז זיכער, אַז עס קומט אים. ער איז בכלל זיכער, אַז אונדזער גאַנצע מי־מאַטערניש, אונדזער האַרעוואַניע איז פאַר זיינעט וועגן, אַז עס זאָל חלילה גאָרנישט פעלן. דיין דערציִונג!

שוואַרצבאַרד

דו הייבסט שוין אָן? דו וואָלסט אים בעסער דערצויגן, דעם כלב. זאָל ער לאָזן דער באַלעבאָסטע אַרומשמייעזן צו חברטעס און אַליין זאָל ער ביי דער פּליטע היטן, אַז די זופּ זאָל אים נישט אויסלויפן.

חנה

זע נאַר! פון וואַנען ווייסטו?

שוואַרצבאַרד

איך שטויס מיך אָן.

חנה

(מיט אַ געלעכטער): אָבער פונקט, ווי דו וואָלסט דערביי געווען. עפּעס האָט זיך מיר געטראָפן אין קיך, ווען איך בין אַ פּאָר מינוט אַריינגעלאָפן צו דער זשאָזעפין.

שוואַרצבאַרד

דיינע פּאָר מינוט. איך שטעל מיר שוין פאָר. אָבער וואָס האָט עס געקאָנט ביי דיר טרעפן אין קיך?

חנה

אַז דו ביסט אַ נביא, טאָ טרעף שוין ווייטער. אַליין וועל איך נישט אויסזאָגן, אויף קיין פאַל. כ׳שעם זיך.

שוואַרצבאַרד

סטייטש! מיר האָבן דאָך אָפּגעשמועסט: פּער פּליי! אָן באַהעלטענישן און אָן סודות. דו ווייסט, מאַדאַם, אַז לויט דעם איצטיקן אָפּמאַך, טאָרסטו אַפילו פאַר דיין מאַן קיין קניפּל נישט פאַרבאָרגן?

חנה

פאַר דעם, זעסטו, בין איך אָפּגעהיט. אָבער נישט פאַר דער קאַץ.

שוואַרצבאַרד

וואָס האָט שוין דאָ, מישטיינס־געזאָגט, צו זאָגן די קאַץ?

חנה

(מיט אַ פולן מויל געלעכטער): דער קאָנסיערזשקעס קאַץ האָט מיר אויפגעפרעסן דיין שניצל, בעת איך בין געווען ביי דער זשאָזעפין. פאַרשפּאָרסט זיך בייזערן. כ׳האָב שוין געכאַפּט אַ פּסק פון דיין תכשיט, פון צע־בערן. אש להבה איז ער אויף מיר געווען. נישט וואָר, צערבער? נו, ער האָט זיך זיינע אַלטע חשבונות מיט דער קאַץ. אָבער דו — וואָס? אַ שניצל האָב איך געמאַכט אַן אַנדערן.

שוואַרצבאַרד

נו, זאָג אַליין, געראָטענע באַלעבאָסטע מיינע, וואָלט נישט

גלייכער געווען איך זאל ווידער קומען אהיים אויף מיטאג? סיי־ווי שליסט מען דאס געשעפט.

חנה

אוודאי יא. און מיר זאל דארט פלאצן דאס געדולד ווארטנדיק, טאמער פארשלעפט זיך ביי דיר, אויף א שעה־צוויי־דריי, א דיסקוסיע מיט א חבר וועגן קראפאטקינען! נוז־אללאן ז־אנפאן צום טיש! זע נאר, סארא פרעכטיקער סאלאט! און דא האסטו אן אויסטערליש מאכל: שנעקעס אין פוטער. זשאזעפין האט מיך אויסגעלערנט. — דערצו פאם־פריט און דייך שניצל א לא גארסאן... זעסט, א גאנצע קעלנערקע דייך ווייבל.

שווארצבארד

ווארט, מיין קליינינקע. לאמיך נאר פארשליסן די טיר און אויפהענגען דעם פלאקאט, אז צו מיטאג איז געשלאסן, ווי אין אלע גרויסע פירמעס. און דעם פארהאנג מעג מען אויך אראפלאזן. אט אזוי. וואס דארפן הונגעריקע מענטשן צו זען, ווי אזוי איך גנבע ביי מיין ווייבל א... קוש? און איצט גיבן מיר זיך א וואש אפ די הענט (לויפט הינטער די שירמע, ווו עס הערט זיך שפרודלען דאס וואסער פון קראן), אט אזוי. באלד וועלן מיר זיך נעמען צום סאלאט. צערבער, וועסט עסן מיט מיר סאלאט? דו האלטסט נישט, כלב איינער, פון וועגעטארישע מאכלים (ביים געדעקטן טיש), נו, ווייב, גיב פרעסן. (נאך די ערשטע פאר ביסן): א טאלאנט, אן אמתער טאלאנט!

חנה

(מיטעסנדיק): ביסט א פאסקודנער יונג. קיין בעסערע פעיִקייטן, ווי צו דער קיך, זעסטו נישט ביי מיר?

שווארצבארד

איך האלט א... מחיה דאס ביסל עסן. איך האלט, אז ביי געהעריקע באדינגונגען, קאן די קולינארע קונסט זיך דערהייבן צו דער מדרגה פון דער עלפטער מוזע. ס׳הייסט, בשעת איך בין שטארק הונגעריק האלט איך אזוי. זאטערהייט האלט איך בכלל נישט פון עסן... איך בין זייער סוביעקטיוו.

חנה

פונקט ווי עסנדיקערהייט האלטסטו נישט פון ריינקייט. עס ווי א מענטש! האסט שוין ווידער פארפעצט די וועסט. לאז אפווישן פרישערהייט. נארעלע, ס׳וועט שפעטער מיט בענזין אויך נישט לאזן. ווי א קינד דארף מען דיר נאכקוקן.

שווארצבארד

נו, לאז דאך אפ. לאז מיר הנאה האבן פון מיין לעבן. פייניק נישט. אן אומגליק מיט די ווייבער! באלד ווערן זיי דיר דעספאטישע מאמעס און... שוין, שוין, דו ביסט גערעכט און דיין משפט איז גערעכט. ווילסט — מיט א סערוועטל, זאל זיין מיט א סערוועטל. ווייסט, חנהלע, דיינע מאכלים, אפילו די פראנצויזישע, האבן דעם אמתן היימישן טעם.

חנה

אי, שלעכט. דיר ליגט נאך אין מויל אוודאי דער טעם פון דיין מאמעס צוגעברענטן קרופניק?

שווארצבארד

פון דער שטיפמאמע, מיינסטו צו זאגן. מיר זענען פארבליבן קליינע יתומלעך אויפן חסד פון דער שטיפמאמע. שפעטער בין איך געווען אויף א טערמין ביי א זייגערמאכער — האב איך ביי אים געגעסן קרופניק. ישראל דיק האט ער געהייסן. עס זאל דאס מיר דאן איינפאלן, אז איך וועל זיין א בורזשוי, אין פאריז, און עסן פאם־פריט! און געבראטענע קארטאפליעס ביסטו קראנק צו אכלען? זעסט, חנהלע, מיר ווערן שוין ענג די קנעפלעך.

חנה

אלץ פון דיין פראפעסיע. דו זיצסט אויף איין ארט. איך טראכט אלץ איבער, מיט וואס שפייזט מען דיך, זאלסט נישט דיק ווערן?

שווארצבארד

מיט לופט, חנהלע: מיר וועט שוין קיין טאטער נישט העלפן. מיין באלעבאס האט געהייסן דיק און איך וועל, מירצעשעם, זיין דיק. א ירושה־זאך.

חנה

נישט קיין שלעכטער קאלאמבור. עס וואלט שוין באמת נישט געשאדט, דו זאלסט האבן א בעסערע פרנסה, און לייכטערע.

שווארצבארד

זעסטו, פארקערט. איך האלט, אז מיר איז צו גוט. איך לעב שוין צו נארמאל. איך בין נישט געוווינט חנהלע, צו אזא לעבן.

חנה

וויניק האסטו זיך אנגעמאטערט? דערמאן זיך נאר. פון דיין קינדהייט אן האסטו שטענדיק געליטן, שטענדיק געקעמפט און שטענדיק געוועזן איינגעשטעלט. איז נישט שוין צייט דו זאלסט זיך אפרוען, לעבן רויק און נארמאל?

שווארצבארד

יא, ביסט גערעכט, חנהלע, אבער טייל מאל דאכט זיך מיר, אז מיין שוואנען־ליד האט נאך נישט פארקלונגען. אט דער בורזשוי פון בולוואר מענילמאנטאן וועט נאך ווען ס'איז א קלאפ טון מיט דער פויסט און אראפוואַרפן אלע זייגערלעך פון ווארשטאט.

חנה

טפו, טפו. די שעה זאל נישט זיין. הייבסט שוין אן? כ'וועל דיר לאזן אפשפרעכן אן עין־הרע. כ'וועל רופן א טאטער צו דיר. כ'וועל דיך לאזן ארעסטירן. וואס א ווייב קאן אלץ אפטון פאר ליבשאפט? מענטש, וויפל איז דער שיעור צו סאציאליסטעווען, רעוואלוציאנערעווען, אנארכיסטעווען! אז די וועלט, זעסטו, איז אזוי שווער איבערצומאכן און, ווי זאגט ער דארט: אין קריגל פון לעבן פארבלייבט אלץ וויניקער וויין. זאלן שוין אנדערע קעמפן. אזוי זאגט חנה.

שווארצבארד

(נעמט זיין ווייבל אויף דער קני): הער־זשע מיך אויס, מיין קליינינקע, צערבער, רויק! כלב איינער! כ'וועל דיין באלעבאסטע נישט אויפעסן. געוועזן איז דאס נאך דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע, בעת כ'האב געמוזט אפציען קיין אויסלאנד. נאך לאנגע צרות און פלאגעניש, האב איך מיך דערשלאגן צו א שטעטעלע סקאלא, ביי דער אונגארישער גרענעץ. דארט האב איך באקומען א ביסל ארבעט און דארט האב איך מיך פארליבט, נישט פאר קיין מענטשן געדאכט. ס'הייסט, מיר האבן זיך פארליבט קעגנזייטיק. איך בין איר געפעלן געווארן. אבער אזוי ווי איר מאמע און איר באבע האבן נישט געוווסט דעם טעם פון פרייער ליבע און ליבן און געליבט זיין ווילט זיך פארט, האט זי באהאנדלט דעם גאנצן ענין זייער פראקטיש: „הער שוין אויף אמאל מיט דיינע געווידמעטע לידער און נארישקייטן! נעם, שיק א שדכן און מיר ווערן חתן־כלה, אין א מזלדיקער שעה״.

חנה

נו?

שווארצבארד

וואס פרעגסטו, נארעלע. מיט א צעבראכן הארץ איז דער בחור אנטלאפן פון שטעטעלע.

חנה

(לאכט): זאל דאס מיר זיין א ווארענונג?

שווארצבארד

כ'מיין עפעס?

חנה

(דרייט אים ביי די אויערן): פון מיר, פון מיר? פון מיינע הענט ווילסטו ארויסדרייען זיך? ס'וועט דיר נישט העלפן. כ'האב שטארקערע פארבינ[illegible]טע, ווי דיין ערשטע כלה. מיט מיר איז די צייט! און מיט מיר איז פאריז, א שטאט, וואס פאבריצירט בורזשויען. א שטאט מיט א זיסער, קליינבירגערלעכער לופט. קאמפרעניי־ווו? נאך

וואָס בענקט זיך דיר? אפשר נאָכן איבערגעלעבטן קאָש־מאַר אויף אוקראַינע? (ער ווישט זיך דאָס פּנים. זי נעמט אים אַוועק די הענט) נו, הער שוין אויף אַמאָל!

שוואַרצבאַרד

אוקראַינע! איך קאָן רויִק נישט הערן דאָס וואָרט. דווקא איצט מוז איך עס דערמאָנען אָפּטער. מיר האָבן, חנהלע, אַ גאַסט אין פּאַריז. אַן אָנגעזשעטעם גאַסט פון אוקראַינע. ווייסט וועמען? פּעטלורען!

חנה

וואָס איז דען? ווייניק עמיגראַנטן אין פּאַריז? איז נאָך איינער.

שוואַרצבאַרד

ניין. ער — נישט. דער מענטש באַשעפּטיקט צופיל מיינע געדאַנקען. זע, אָט. כ׳האָב היינט נאָכגעקוקט אין דער צייטונג זיין בילד. אַ פּיין, אינטעליגענט פּנים. עפּעס אַ לעקטאָר, אַ מוזיקער, אַ פּראָפעסאָר — אַלץ וואָס דו ווילסט, אָבער נישט קיין טיפּוס. כ׳וויל אים דאָ נישט האָבן אין פּאַריז!

חנה

מיינסט ער וועט דאָ מאַכן פּאָגראָמען?

שוואַרצבאַרד

(לאָזט זי ראַש אַראָפּ פון די קני): פּאָ... פּאָגראָ... (ווישט זיך דאָס פּנים).

חנה

וואָס טוט זיך מיט דיר, שלום?

שוואַרצבאַרד

ווי לייכט... ווי לייכט עס רעדט זיך אַרויס ביי איר דאָס וואָרט! פּאָ... האַ־האַ־האַ! האָסטו געהערט, וואָס דיין מויל האָט גערעדט? איך, אַז איך דערמאָן זיך אָן אים, קומט צו מיר דער געדאַנק פון מאָרד. און מיט אָט דעם געדאַנק קאָן מען דאָך נישט לעבן!

חנה

שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ. וועסט חלילה קראַנק ווערן.

האָסט געזען אַ מענטש האָט זיך איבערגענומען?!

שוואַרצבאַרד

אָט דאָס וויל איך טאַקע. צערבער! צערבערוניו! צער־בערישקע! האָפּ! קום נאָר אַהער, הינטעלע מיינס. האָסט מיך עפּעס ליב? גיב מיר אַ קוש. אוי, חנהטשע, חנהלע! כ׳האָב שיִער פאַרגעסן! צוויי בילעטן אויף היינט אין פאָליבערזשער! זאָלן מיר אַזוי בײדע לעבן! אָט, זעסטו, מען מוז דאָך, ענדלעך, אָנקוקן די זשאָזעפין בעקער! אויף יענער וועלט וועט דאָך פרעגן דער מלאך־הדומה: געזען די זשאָזעפין בעקער? ניין? גיי צוריק, זיי מוחל!

חנה

איך שעם זיך צו גיין אַהין. דאָס פּאַסט פאַר געקומענע אויסלענדער. און טאָמער טרעפן מיר דאָרט באַקאַנטע?

שוואַרצבאַרד

טאָ זאָלן זיי זיך שעמען. צערבער! ווילסט נאָך אַ ביינדל, כלב איינער? עס, נאַרעלע. אַ הונט לעבט אויך נישט אייביק.

חנה

ביסט שוין זאַט?

שוואַרצבאַרד

מערסי ביען. (קושט איר די האַנט)

חנה

דאַנקען און לויבן יאָשקען דעם טויבן. אָפּגעגעסן, פון קיינעם נישט געשטערט. נו, איצט — מאַכן אָרדענונג! איינס, צוויי, דריי. ווייסט, שלום, אויב שוין יאָ פאָלי־בערזשער, וואָלט איך וועלן אַריין צו... דער מאַרי, אָנ־פּאַסן אַ היטעלע. ס׳איז נישט קיין טייערע שמאַטקעלע און ס׳וועט זיין צום פּנים. האָסט עפּעס געלט?

שוואַרצבאַרד

פּונקט היינט בין איך אַ גביר. פון בולוואַר סען־מישעל איז מען געקומען נאָכן אַלטן אַמפּיר־זייגער.

חנה

זע נאָר! כ׳האָב גאָרנישט באַמערקט, אַז ער פעלט. (קוקט

זיך אום אויף א באשטימטן ארט אין צימער) האסט גע־
קאנט אויפמאנען לאגער־געלט.

שווארצבארד

זיי האבן אזוי אויך פיין באצאלט פארן פארריכטן. 150
פראנק ווי די בערן!

חנה

האסטו, הייסט עס, 150 פראנק?

שווארצבארד

ווו? כ'האב נאך געלייזט א מאיאנטעק פאר אריינגע־
שטעלטע גלעזלעך. אפשר זעכצן גלעזלעך היינט אריינגע־
שטעלט.

חנה

פאראן א שפריכווארט, אז דעם מאן גייט, איז עס אין
ווייבס מזל. גיב־זשע מיר, גביר מיינער, די פאר סאנטים
און לאמיך לויפן צו דער מארי. (שווארצבארד שטעקט
אריין די האנט אין קאסע און דערלאנגט איר, אומגעציילט,
א הויפן פראנקן) מערסי. האסט דאך מיר אפגעגעבן ביז
א גראשן!

שווארצבארד

זיי רויק. אין קאסע איז נאך עפעס פארבליבן.

חנה

(קוקט אריין אין קאסע, גיט דארט א מיש, א שאר):
וואזשנע קאפיטאלן! (נעמט ארויס א רעוואלווער) צו וואס
באדארפסטו דא, שלום, די דאזיקע כלי? ביסט אין וואלד?
ביסט דאך אין פאריז!

שווארצבארד

פארזיכטיק, קינד! ער איז אנגעלאדן! (נעמט צו דעם
רעוואלווער, פארשטעקט אין קעשענע פון הענגענדיקן העלן
מאנטל). אוודאי בין איך אין פאריז! פעלן דא באנדיטן,
וואס? לעז די כראניק. דא איז שוין באלד ווי אין טשיקאגא.
און איך האב דאך עפעס זייגערלעך! מיינע, פרעמדע...

חנה

כא־כא־כא! כ'שטעל מיר טאקע פאר די „קארטינע", ווי

אזוי דו טענהסט זיך אויס מיט די באנדיטן: חברים!
דערלויבט מיר א ווארט צו דער טאג־ארדענונג. איך, דער
בורזשוי פון מענילמאנטאן, אליין נישט קיין פרינציפיע־
לער אנהענגער פון פריוואט־אייגנטום, מוז אבער פעסט־
שטעלן, אז די עקספראפריאציע אנטשפרעכט נישט די
געהעריקע פאליטישע באדערפענישן פונעם לויפנדיקן
מאמענט. ווייל, נעמענדיק אין באטראכט, פון איין זייט
די קאפיטאליזאציע, פון דער צווייטער זייט, די פויפע־
ריזאציע... אי פאשאל, אי פאשאל! (ביידע צעלאכן זיך)
נו, איך גיי. (מען קלאפט אין טיר) טאקע די העכסטע צייט
צו עפענען. עס גייט א קונה.

שווארצבארד

(ציט ארויף דעם פארהאנג. כאפט א קוק אין גאס):
ניין, קיין קונה איז דאס נישט. קיין פראנצויז — אויך
נישט. מיר דוכט — א רוס. עפעס א באקאנט פנים.

חנה

נו, וועל איך גיין. אוודאי אן אלטער חבר. אפשר ברענגט
ער דיר א גרוס פון דיין ערשטער כלה?

שווארצבארד

איז דאך אוודאי אינטערעסאנט פאר דיר! (עפנט די טיר).

גאסט

(אריין): באנזשור, מאסיע. ווו־זעט־ע... סיאמא!

שווארצבארד

ניקיטא! דער טייוול זאל דיך נעמען! ווי קומסטו אין
פאריז? (נעמט זיך ארום מיטן חבר. יענער מיידט אויס
צו קושן זיך).

ניקיטא

איך בין שוין פיר חדשים אין פאריז.

שווארצבארד

און גאר די אויגן נישט געוויזן. זיי באקאנט מיט מיין
פרוי.

ניקיטא

(פארנויגט זיך העפלעך. די האנט גיט ער נישט): כ'האב

נישט געקאָנט קומען צו דיר. כ׳האָב מיך געשלאָגן מיט דער דעה: געבן דיר צו וויסן, אָדער נישט?

חנה

נו, עס טוט מיר לייד. איך מוז אַוועקגיין. איך קום באַלד צוריק. האָפנטלעך, אַנטלויפט איר נאָך נישט, חבר ני־קיטאַ?

ניקיטאַ

האָפנטלעך, מאַדאַם.

חנה

אַדיע. (צו שוואַרצבאַרדן) פאַ. (אָפּ).

שוואַרצבאַרד

אַזוי, אַזוי... באַשערט ווידער דיך צו זען. אַזאַ ריזיקע רעוואָלוציע אַדורכגעמאַכט! מיר דוכט, מיר לעבן שוין צו הונדערט יאָר יעדערער. שטעל זיך נאָר צום ליכט, ניקיטאַ. ווי שלעכט דו זעסט אויס!

ניקיטאַ

איך קום פון שפּיטאָל.

שוואַרצבאַרד

אַן אָפּעראַציע, וואָס?

ניקיטאַ

ניין, קיין אָפּעראַציע נישט. אַן אַלטע קרענק. אַ רעצידיוו. אַביסל האָב איך, ווייזט אויס, מיסגעברויכט מיטן ביטערן טראָפּן.

שוואַרצבאַרד

גאַלשטיינער? נירן?

ניקיטאַ

נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס צווייטע. אַזוי זיך אַ קרענק. אַ קרענקעלע... דעריבער טאַקע האָב איך זיך נישט גע־קושט מיט דיר.

שוואַרצבאַרד

וואָס איז דען? ביסט דאָך שוין אַרויס פון שפּיטאָל.

ניקיטאַ

און ווער זאָגט דיר, אַז איך בין אַרויס אַן אויסגעהיילטער?

שוואַרצבאַרד

אַזוי אומהיילבאַר איז דיין קרענק?

ניקיטאַ

היילבאַר איז זי יאָ, די קרענק. אַזוי האָבן מיר די דאָק־טוירים פאַרזיכערט. אָבער פון שפּיטאָל בין איך אַרויס אַ קראַנקער. נישט געקאָנט דאָרט מער זיין.

שוואַרצבאַרד

אַ שלעכטע באַהאַנדלונג, וואָס?

ניקיטאַ

אַ געזעלשאַפט אַ שלעכטע.

שוואַרצבאַרד

אַ נאַרישקייט פון דיין זייט. אַזוי אידל ביסטו געוואָרן, אַז די געזעלשאַפט האָט דיך שאָקירט? רעוואָלוציאָנער מיינער!

ניקיטאַ

נו, יאָ. איך וואָלט דיר פאַרגונען צו פאַרברענגען אַ טאָג מיט די אוקראַינישע ווענעריקער!

שוואַרצבאַרד

ביסטו דען...

ניקיטאַ

נישט אַזוי שרעקלעך. מיט אַ געפערלעכער קרענק וואָלט איך צו דיר נישט געקומען. מיין קרענק ווערט אָבער פאַררעכנט אַלס אַ ווענערישע. ס׳איז אַ רעצידיוו פון אַן אַלט קרענקעלע, וועלכע עס מאַכן דורך אַ גרויסע צאָל מענער און פרויען. דו ווייסט דאָך אונדזערע היגיענישע באַדינגונגען אין 18־טן און 19־טן יאָר. קראַנק בין איך געוואָרן נישט דורך קיין גאַסן־באַקאַנטשאַפט. זיי מיך נישט חושד. נו, קראַנק־געוואָרן, זיך אויסגעהיילט און — פאַרגעסן. ערשט, נאַ־דיר אַ רעצידיוו!

שוואַרצבאַרד

פון וואַנען ווייסטו, אַז אַ רעצידיוו?

ניקיטאַ

דער דאָקטער האָט עס מיר אויפגעקלערט.

שוואַרצבאַרד

האָסט דאָך באַדאַרפט בלייבן אין שפּיטאָל!

ניקיטאַ

און אויסהערן צו יעדער שעה די באַרימערייען פון מיינע אוקראַאינישע צימער־חברים? אַ דאַנק! אָט אַזוי, למשל, האָב איך געהאַט אַ שכן, פון דער רעכטער זייט, מיטן נאָמען: אָניסים קראַווטשענקאָ. דאָס איז אַ פּירעקיקער קאַזאַק מיט אויסגעקרימטע פיס און מיט אַ ליסינע. בעת די פּאָגראָמען האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אויף פאַר־געוואַלדיקן פרויען. זיבן און דרייסיק ייִדישע מיידלעך האָט דער דאָזיקער העלד פאַרגעוואַלדיקט דערביי קיין איינצי־קער דאָס לעבן נישט געשענקט! ער דערציילט דאָס דיר מיט אַ סקריפּענדיק געלעכטערל, ווי ער וואָלט געפּיילט אַ זעג. נאָר ביי איין פאַל ווערט ער סענטימענטאַל. איינע פון זיינע קרבנות, דערציילט ער, האָט געקוקט אויף אים מיט אַזעלכע אויגן!... מיט אַזעלכע אויגן!... צום טייוול! מיט וואָס פאַר אַ אויגן זי האָט אויף אים געקוקט! אָבער פון זיין פּרינציפּ איז ער נישט אָפּגעטראָטן: זי האָט ער אויך דערשטאָכן!

(שוואַרצבאַרדס פּנים קומט אין נערוועזער באַוועגונג, די האַנט הייבט אָן צו רייבן דאָס פּנים, ווי עפּעס וואָלט צו דעם פּנים פאַרבליבן צוגעקלעפּט. ניקיטאַ באַמערקט דאָס נישט).

און אָט איז געווען מיין שכן, פון דער לינקער זייט, קירילוק באָהדאַן. אַ סקעלעט, הויט און ביין. מיט אַזעלכע דינע, בלאַסע פרויענהענט און בלויע אָדערלעך. אָט די הענטעלעך האָבן דורכגעלעכערט פּופּצן ייִדישע בריסטן! יאָ, פּופּצן! ער ציילט זיי אַלעמאָל אויף די איידעלע פינ־גער און עס באַקומט זיך ·שטענדיק די זעלבע צאָל...

און אָט איז אויך געווען אַ קאַמראַד פון ווינקל, ביים פענצטער, אַ ראָז ייִנגל מיט אַ באָרד. דאָס איז געווען אַ מאָדים אויף צו שניידן פרויען־בריסטן. שניידן בריסטן, דאַרפסטו וויסן, איז גאָר אַ באַזונדערע סעקסועלע איינ־

שטעלונג. ער באַרימט זיך דערמיט ביי יעדער געלעגנ־הייט. און אָט איז... ע־הע, סיאָמאַ, עס פיבערט דיך! האָסט װוּדאי היץ? זע נאָר, ביסט דאָך אַליין אַ קראַנקער! וואָס טוסטו? צוליב וואָס רייבסטו זיך די באַקן ביז בלוט? נו, יעי באָהו, כ'האָב פאַרגעסן, אַז... אַז דו ביסט אַ ייִד און אַז אויף דיר ווענט די געשיכטע נאָך ערגער ווירקן, ווי אויף מיר! נו, האָב קיין פאַראיבל נישט. נו, אַנט־שולדיק! אָבער פרעג מיך נישט, צום טייוול, פאַרוואָס בין איך אַנטלאָפן פון שפּיטאָל!

שוואַרצבאַרד

ניין. רייד, דערצייל! שוין אַלץ איינס. פאַראַן שעהן ווען אַ מענטש קאָן דערמוטיקט ווערן נאָר דורך זיין אייגענער פאַרצווייפלונג, דורך זיין אייגענעם ווייטאָג. פאַראַן שעהן, ווען דאָס שמאַלץ, וואָס איז אָנגעוואַקסן אויפן האַרצן, רינט אַראָפּ, ווי חלב פאַרן פלאַם און עס בלייבט די אַלטע, אָפענע וווּנד. זע נאָר! ווי אַזוי האָט זי גאָר גע־קאָנט פאַרוואַקסן? דאָס אַלץ, וואָס דו דערציילסט, ווייס איך דאָך! ווי אַזוי האָב איך גאָר געקאָנט פאַרגעסן?

ניקיטאַ

בעסער, אַז מען פאַרגעסט.

שוואַרצבאַרד

(שרייט אויס): נישט בעסער! אַפילו אַ הונט וואָלט דאָך אַ לעבן לאַנג נישט פאַרגעסן דעם שטעקן, וועלכער האָט אים אַזוי פיינלעך געבראָכן די ביינער! אַ מענטש, בלויז אַ מענטש פאַרגעסט. נאָך היינט, היינט — הערסט? — האָב איך אָנגעקוקט דאָס דאָזיקע פּנים אין דער צייטונג. אָט — זע! אָנגעקוקט און זיך געחידושט: ווו שטעקט דאָ דער טייוול?! אַ פּראָפעסאָר, אַ זינגער, אַ טענצער — אַלץ וואָס דו ווילסט, אָבער נישט קיין וואַמפּיר! אפשר זעט ער נישט אויס אַזוי? ער איז דאָך אין פּאַריז. איך האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט אים צו טרעפן. שאַ! (טוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן) כ'האָב אים יאָ געזען! כ'וואָלט

שווערן, אַז יאָ! וואַרט, ווו האָב איך אים געזען! אַן אוקראַיניש געשפּרעך... אַהאַ! ס׳איז מיר געווען טשיקאַווע צו זען, ווער דאָרט רעדט הינטער מיר אוקראַיניש. האָב איך מיך אומגעקוקט. אַ קליינע קאָמפּאַניע, הערן און דאַמען, און איינער צו אים ענלעך. נו, געוויס! דאָס האָט געקאָנט זיין מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. וואַרט. דער אַמפּיר־זייגער... יאָ! מען האָט מיך אַרויסגערופן אויף סען־מישעל באַטראַכטן אַן אַלטן אַמפּיר־זייגער. נו, יאָ! ביים רעסטאָראַן „שאַרטיע״ האָב איך מיך אומגעקוקט. עס שטימט! הער אַ מעשה! צוויי חדשים איז דאָ געשטאַנען דער זייגער. ערשט היינט האָט מען אים אויסגעלייזט. און די גאַנצע צייט, אַז איך פלעג אַ קוק טון אויף אים, האָט מיר אָפּגעקלונגען אין אויער די אוקראַינישע שפּראַך! כ׳האָב שוין געטראַכט: וואָסער שייכות האָט אוקראַיניש צו אַמפּיר? ערשט — יאָ, עס האָט אַ שייכות! אַלץ האָט אַ שייכות! איך ווער אַ מיסטיקער, ברודער. איצט איז האַלב דריי. מיטן מעטראָ וועט געדויערן פינף מינוט... איך מוז גיין!

(כאַפּט דעם העלן מאַנטל פון וואַנט, לאָזט זיך לויפן).

ניקיטאַ

(כאַפּט אים אָן ביים אַרבל): אָבער וואַרט! וואַרט! וואָס טוט זיך מיט דיר? וווהין?

שוואַרצבאַרד

לאָז אָפּ, ניקיטאַ, צום רעסטאָראַן „שאַרטיע״. ער מוז דאָרט מיטאָג עסן. טאָמער טרעף איך אים...

ניקיטאַ

אָבער צו וואָס באַדאַרפסטו דעם פּעטלוראַ? מענטש, ס׳איז אַן אַלטע געשיכטע, לאָז אים געמאַך. ער איז שוין אויס פּעטלוראַ.

שוואַרצבאַרד

איך באַדאַרף אים זען. איך מוז אים זען! פאַרשטייסט? ס׳האָט מיר אָנגעשפּאַרט! איך מוז אָנקוקן דאָס פּנים, וואָס איז אַזוי מענטשלעך און לייזן דאָס פּראָבלעם פון אַ

פּערטל מיליאָן אומגעבראַכטע מענטשלעכע לעבנס! לאָז אָפּ!

ניקיטאַ

איך וועל דיך נישט לאָזן. זע אין וואָסער צושטאַנד דו ביסט. אַ שענערן לייגט מען אין שפּיטאָל.

שוואַרצבאַרד

לאָז אָפּ, זאָגט מען דיר. כ׳בין קראַנק? אַוודאי בין איך קראַנק! כ׳האָב זיך קיין מאָל נישט אויסגעהיילט ווי געהעריק. מיין ווייב האָט מיך געהיילט מיט באַבסקע רפואות: מיט אַ שטאָפּ־קור. (שרייט) ס׳איז אַ רעצידיוו! לאָז אָפּ! (אַנטלויפט).

ניקיטאַ

(העכסט אויפגערעגט): סיאַ... אָבער איך קאָן דאָך נישט פאַרשטיין! איך בין דאָך אַ פרעמדער דאָ, צום טייוול! (שפּאַנט אין אויפרעגונג).

חנה

(אַריינגעלאָפן אין אַ נײַ היטעלע, שטאַרק איבערגעשראָקן): וואָס איז געשען, וווהין איז ער געלאָפן, דער משוגענער? כ׳האָב נישט געקאָנט אים נאָכלויפן!

ניקיטאַ

ער איז געלאָפן כאַפּן... פּעטלורען.

חנה

וואַ־אַס?!

ניקיטאַ

פּעטלורען! ער האָפט, אַז ער וועט אים טרעפן אין אַ רעסטאָראַן ערגעץ. הערט, מאַדאַם, צי האָט אייער מאַן נישט געהאַט ביי זיך קיין געווער?

חנה

(לויפט צו דער קאַסע. זוכט, זוכט מיט די אויגן דעם מאַנטל אויף דער וואַנט. פאַרברעכט די הענט): אוי, אַן אומגליק!

פאָרהאַנג

אוואַן־סצענע

(פון רעסטאָראַן־טיר גייען געמיטלעך אַרויס: פּעטלוראַ (אין אַ גרויען מאַנטל), זיין פרוי און זיין 9־יעריק מיידעלע.

פּעטלוראַ

הערלעכער פרילינג אין פּאַריז. נעמען מיר אַ טאַקסי, אָדער גייען מיר צו פוס?

מיידעלע

צו פוס, טאַטקאַ, צו פוס. כ׳האָב אַזוי ליב פּאַריז! דאָ זענען אַזעלכע גוטע מענטשן!

(ווען זיי מאַכן די ערשטע שריט, לויפט אַרויס זיי אַנטקעגן שוואַרצבאַרד מיט אַן אויפגעהויבענעם קאַלנער, די הענט אין די מאַנטל־קעשענעס. ער מאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט וועלן אויסמיידן פּעטלורען און קאָן נישט. פּעטלוראַ — אַ טריט רעכטס, ער — אַ טריט רעכטס. פּעטלוראַ — לינקס, ער — לינקס. דאָס מיידעלע צעלאַכט זיך.)

שוואַרצבאַרד

פּאַרדאָן, מאָסיע, זענט איר נישט, לויט דער פאַמיליע, פּעטלוראַ?

פּעטלוראַ

יאָ. וואָס פאַרלאַנגט איר דען?

שוואַרצבאַרד

זענט איר אפשר אַ... ברודער פון גענעראַל פּעטלוראַ?

פּעטלוראַ

מיין נאָמען איז סימאָן. סימאָן פּעטלוראַ. וועמען, אייגנטלעך, דאַרפט איר? מיך, צי מיין ברודער?

שוואַרצבאַרד

אַנטשולדיקט, גענעראַל, די דאַמע איז אייער פרוי?

פּעטלוראַ

יאָ.

שוואַרצבאַרד

דאָס איז אייער מיידעלע?

פּעטלוראַ

און אויב יאָ, איז וואָס?

(פּעטלוראַ בלייבט אַ ווײַלע אַפּהענטיק, מיט אַ טעמפּער אָנונג פון געפאַר. די דאָזיקע שטומע אָנונג שפּילט זיך אויך אָפּ אויף דער פרוי און קינד. פּעטלוראַ און שוואַרצבאַרד קוקן זיך אָן אַ לענגערע ווײַלע. אַ שטומע סצענע פון אַ 10 סעקונדן. ענדלעך טוט שוואַרצבאַרד אַ ריס די האַנט פון קעשענע, אַ — ליידיקע האַנט און מאַכט אַ באַוועגונג צום סאַלוט.)

שוואַרצבאַרד

אַנטשולדיקט גענעראַל!

פּעטלוראַ

וואָס האָט איר געוואָלט?

שוואַרצבאַרד

אַנטשולדיקט! מירן עס אָפּלייגן אויף אַ צווייטן מאָל. (אָפּ)

מיידעלע

(דערשיטערט): טאַטקאַ, וואָס האָט ער געוואָלט פון דיר?

(ציט אים צו זיך און גיט אים אַ קוש)

פּעטלוראַ

באַרויִק זיך, מיין קינד. אין פּאַריז זענען אַלע מענטשן גוטע.

מיידעלע

(וויינענדיק): אַי, ניין, טאַטקאַ, ניין. אין פּאַריז זענען נישט אַלע מענטשן גוט פאַר דיר!

פּעטלוראַ

(רופט): טעקסי! (אָפּ).

(שוואַרצבאַרד קומט ווידער אָן, לענט זיך אָן אָן דער וואַנט, קוקט אין דער ריכטונג, ווו פּעטלוראַ מיט זיין פרוי און קינד זענען אַוועק. ציט לאַנגזאַם דעם רעוואָלווער פון קעשענע. באַטראַכט. לאָזט אַראָפּ די האַנט. גייט פּאַמעלעך אין דער קעגנזייטיקער ריכטונג. פינצטער.)

פאַרהאַנג

דאָס צווייטע בילד

אַ טומל פון שטימען נאָך פאַרן אויפהויבן דעם פאָרהאַנג אין פּאָליציי־עקספּאָזיטור. די לענג פון צימער איבערגעצוימט מיט אַ פאַרענטש. פון יענער זייט פאַרענטש זיצן, ביי זייערע ביוראָ־טישן, דריי פלעגמאַטישע באַאַמטע, וועלכע רעאַגירן כמעט נישט אויפן געטומל. איינער — שניצט אַ בלייפעדער, אַ צווייטער — עסט אַ שניטקע, בלויז דער דריטער קנייטשט זיך פון צייט צו צייט, דאָס זיין נעענטער צו דער טיר, ווו מען טומלט, שטערט אים אַביסל אין דער אַרבעט. ביי דער וואַנט, רעכטס פון צושויער, פון דער זייטפאַרענטש, זיצט שוואַרצבאַרד מיטן פנים אָפּגעקערט און צוגעדריקט צו דער וואַנט. מיט די הענט פאַרשטעלט ער דאָס פנים. זיין מאַנטל און קליידער — פריש צעריסן און פאַרבלוטיקט. פון צייט צו צייט, ווען עס שטאַרקט זיך דער טומל, טוט ער אַ הייב־אויף די אַקסלען, ווי ער וואָלט באַשיצט דעם קאָפּ פון אַ קלאַפּ. אין דער אָפענער טיר, לינקס, קעגנאיבער שוואַרצבאַרדן, שפּאַרן זיך די שרייערס מיט גע־ביילטע פויסטן. דער פּאָליציאַנט שטופּט זיי אָפּ מעטאָדיש, אָן כעס, ווי ער וואָלט פאַרקנאַטן טייג אין אַ דייזשע.

פּאָליציאַנט

רויִק! נו, רויִק!

שרייערס

לינטשן אים! לינטשן!
הרגענען דעם אויסוואורף!
איך האָב געזען, הער פּאָליציאַנט. דאָס איז אַזוי געווען...
מערדער!
ס'איז אַ פראַנצויז!
ניק, אַ פרעמדער! די פרעמדע זענען די גרעסטע באַנ־
דיטן!
ביי זיך אין דער היים האָט מען מורא!
אַ הפקר־שטאָט — פּאַריז!

ער האָט מיך אויך געוואָלט שיסן, בין איך אים פאַרפאַרן
אין די ציין!
און ווער זיצט עס דאָרט? דער מערדער, צי דער דער־
מאָרדעטער?

פּאָליציאַנט

רויִק! נו, רויִק! שפּאַרט איך נישט. מען וועט אַלע אויס־הערן. איינציקווייז, נאָר איינציקווייז. אייך אויך? גוט. אייך אויך? אויסגעצייכנט. אייך? איר זענט זייער וויכטיק. פאַרשרייבן? יאָ. וואַרט אויף. וואַרט אויף. וואַרט אויף, זאָג איך אייך! (עס געלינגט דעם פּאָליציאַנט צו פאַרמאַכן די טיר און דער טומל הערט זיך שוין טעמפּ פון וואַרטע־צימער) סאַראַ באַנדע! צום טיוול! זיי האָבן מיך אויך שיער צעריסן אויף שטיקער. (ציט אַרום דעם אָנצוג. באַטראַכט זיין פעלערינקע). אַ לאָך! אַ לאָך געמאַכט אין מלוכהשן בגד! און שפּעטער וועלן זיי געוואַלדעווען אין פּאַרלאַמענט: אַ צו־הויכער בודזשעט! אַז דו שאַנעוועסט נישט דיין אייגן פאַרמעגן, פרעכע באַנדע! ס'אַ פאָלק! (צו שוואַרצבאַרדן) נו, בחור! זיי האָבן דיך פיין צערעכט געמאַכט. כאָטש געבליבן איין גאַנצער צאָן אין מויל? ביסט נאָך אַרויס מיט חסד. ווען איך שטעל נישט אונטער מיינע פּלייצעס, וואָלטן מיר שוין איצט געהאַט צ וו יי מתים. ווייז נאָר דיין פנים, קאַמעראַד. (שוואַרצבאַרד נעמט לאַנגזאַם צו די הענט פון פנים. קערט זיך פּאַמעלעך אָפּ פון דער וואַנט. דאָס גאַנצע פנים איז איין שטיק בלוט). נישקשה פון אַ בעפּשטיק! עפן נאָר דאָס מויל. (שוואַרצ־באַרד עפנט) נו, די ציין, ברודער, זענען גאַנץ. האָסט פעסטע ציין, קאַנאַליע. דו מוזסט קאָנען אַריינעסן...

שוואַרצבאַרד

ווו קאָן מען זיך... אַרומוואַשן? (ווישט מיט די הענט, מיט זיין געווינטער באַוועגונג, דאָס בלוט פון פנים. באַ־טראַכט לאַנג זיינע פאַרבלוטיקטע הענט. פּלוצלינג זיפצט ער אָפּ און מיט גרויס דערלייכטערונג) אַך! (באַטראַכט אָבער אַ מאָל און ווידער אַ מאָל זיינע פאַרבלוטיקטע הענט

און קאָן פון זיי די אויגן נישט אָפּרייסן) **ווו קאָן איך זיך דאָ... אָפּוואַשן ?**

פּאָליציאַנט

דאָס קאָן מען נישט אָן אַ דערלויבעניש. (צום קלערק, וואָס קנייטשט זיך) **כ'האָב דעם כבוד צו מעלדן : אַ מערדער !** (דער קלערק טינטלט) **אַ מערדער, זאָג איך ! אַ שרעקלעכער !**

קלערק

אַ שרעקלעכער ?

פּאָליציאַנט

יאָ. אַ שרעקלעכער. געבראַכט דעם מערדער. דער המון האָט אים געוואָלט לינטשן.

קלערק

טאַקע לינטשן ?

פּאָליציאַנט

איך האָב אים קוים אָפּגעשלאָגן.

קלערק

(האָט שוין פאַרלוירן דעם אינטערעס) **ווו איז ער, דער מערדער ?**

פּאָליציאַנט

אָט דאָ זיצט ער. (קלערק כאַפּט אַ קוק אויף שוואַרצבאַרדן און טינטלט ווייטער דאָס זייניקע. פּאָליציאַנט — אויפגערעגט) **מייך הער !** (קלערק טוט אומגעדולדיק אַ טייטל מיטן פינגער צום קאָמיסאַרס טיר, אין דער טיר באַווייזט זיך דער קאָמיסאַר) **הער קאָמיסאַר ! איך האָב דעם כבוד צו מעלדן : געשען אַ מאָרד ! אָט איז דער רעוואָלווער.** (לייגט אַוועק דעם רעוואָלווער אויפן טיש. קאָמיסאַר מאַכט זיך נישט הערנדיק און גייט צו דער קעגנאיבערדיקער טיר. אין דעם מאָמענט שטייט אויף דער קלערק פון דעם געשניצטן בלייפעדער און גייט צו צו דעם קלערק פון דער שניטקע, ציגט אים אויפן זייגערל. יענער שאָקלט

צו מיטן קאָפּ, לייגט אַריין אין מויל דעם לעצטן ביסן און ביידע גייען אַרויס. פּאָליציאַנט גייט נאָך דעם קאָמיסאַר, סאַלוטירנדיק, מיטן פעסטן באַשלוס דורכצוברעכן דעם אינדיפערענטיזם) **הער קאָמיסאַר ! אַ מאָרד אויפן ראָג ראַסין און סען-מישעל !**

קאָמיסאַר

(קערט זיך פלוצלינג אום און שפּאַנט צו שוואַרצבאַרדן) **און ווער איז ער, דער וואָס איר האָט אים דערהרגעט ?**

שוואַרצבאַרד

(שטעלט זיך אויף, אָנגעלענט אָן דער האַנט). **אַ גענעראַל. הער קאָמיסאַר. אַן אוקראַינישער גענעראַל.**

קאָמיסאַר

אַזוי... ווי איז זיין נאָמען ?

שוואַרצבאַרד

פּעטלוראַ. סימאָן פּעטלוראַ.

קאָמיסאַר

(נאָטירנדיק) : **אייער נאָמען ?**

שוואַרצבאַרד

שלום שוואַרצבאַרד.

קאָמיסאַר

דייטלעכער, איך בעט אייך.

שוואַרצבאַרד

שלום שוואַרצבאַרד.

קאָמיסאַר

זייט איר מיטן דערמאָרדעטן פון זעלבן לאַנד ?

שוואַרצבאַרד

יאָ, הער קאָמיסאַר. אָבער איך וווין שוין לאַנג אין פּאַריז.

קאָמיסאַר

זענט איר כאָטש זיכער, אַז איר האָט דערהרגעט דעם. וואָס איר האָט געמיינט צו דערהרגענען ?

שוואַרצבאַרד

(אויפגעטרייסלט) : **הער קאָמיסאַר ! וואָס פעלט אייך איין ?**

קאָמיסאַר

גאַנץ איינפאַך. אַ מענטש איז אויפגערעגט, קאָן ער אַ טעות האָבן.

שוואַרצבאַרד

נישט מעגלעך!

קאָמיסאַר

שוין דווקא יאָ מעגלעך.

שוואַרצבאַרד

(באַהערשט פון צווייפל): ניין, ניין! אַזאַ טעות קאָן נישט געשען. טאָר נישט געשען! הער קאָמיסאַר, איך בעט אייך, זאָגט מיר, ווי קומט איר צו אַזאַ געדאַנק? הער קאָמיסאַר, האָט איינזען מיט אַן אומגליקלעכן מענטשן! זאָגט מיר, האָט איר געהאַט אַ טעלעפאָן? טאַקע געווען אַ טעות? האָב איך דערשאָסן אַן אומשולדיקן?

קאָמיסאַר

איר זענט נאָך איצט אויך נישט ווייניק אויפגערעגט. אַ שאָד. איר מוזט געבן קלאָרע דערקלערונגען, וועלכע וועלן פאַר אייך אַליין שפּעטער האָבן אַ גרויסע באַדייטונג. זעצט זיך. איר קאָנט געבן אייערע דערקלערונגען זיצנדיק.

שוואַרצבאַרד

(לאָזט זיך שווער אַראָפּ אויף דער באַנק) ניין, הער קאָמיסאַר. כ׳האָב קיין טעות נישט געהאַט. איך האָב אויך געוווּסט אויף וואָס איך גיי. איך בין געווען צו דעם צוגעגרייט.

קאָמיסאַר

אַהאַ, צוגעגרייט? (פאַרצייכנט)

שוואַרצבאַרד

צוגעגרייט. איך בין געגאַנגען אויף זיכער. אפילו ווען דער המון האָט מיך געשלאָגן, בין איך געווען פאַרהעלטענישמעסיק רויִק, נאָר איר, הער קאָמיסאַר, האָט מיך אַריינגעבראַכט אין צווייפל.

קאָמיסאַר

(זעצט זיך אויף פעסט, כדי פאַרצייכענען דעם פּראָטאָקאָל)

נו, באַרויִקט אייך. עס קאָן נאָך אַלץ גוט זיין. עס קאָן זיין, איר האָט קיין טעות נישט געהאַט. נו, דערציילט־זשע קלאָר און בינדיק, ווי אַזוי איר האָט עס אָפּגעטון. אָבער הייבט נישט אָן פון צו ווייט.

שוואַרצבאַרד

(באַמיט זיך צו געפינען די נייטיקע ווערטער): יאָ... איך בין אַ... ייִד.

קאָמיסאַר

איזראַעליט... נו, ווייטער.

שוואַרצבאַרד

אַ ייִד... יאָ... (פּויזע).

קאָמיסאַר

נו, וואָס־זשע שוויגט איר?

שוואַרצבאַרד

אַנטשולדיקט, כ׳האָב געמיינט, אַז מיט דעם איז שוין פיל געזאָגט.

קאָמיסאַר

מיט דעם איז נאָך גאָרנישט געזאָגט. ייִדן זענען דאָ פיל, אָבער מערדער — זייער ווייניק צווישן זיי.

שוואַרצבאַרד

אמת, מערדער זייער ווייניק, אָבער דערפאַר זייער פיל געמאָרדעטע, הער קאָמיסאַר. אפשר האָט איר געהערט, געלעזן אין די צייטונגען: דאָס אוקראַיִנישע מיליטער האָט געמאַכט אויף ייִדן פּאָגראָמען. פּאָ־גראָ־מען! איר ווייסט נישט וואָס דאָס איז? אומגליקלעכער קאָמיסאַר, וואָס איר זייט! אַז איר ווייסט נישט וואָס פּאָגראָמען זענען! נו, ווי קלערט מען דאָס אייך אויף? כע־כע! עסקאַפּאַדן! איבערפאַלן! שחיטות! יאָ. אַ פערטל מיליאָן מענטשן אויסגעשאָכטן! מענער, פרויען, זקנים און קליינע קינדער געשאָכטן, ווי די אָקסן און רינדער! און אָט פאַר די טויזנטער, צענער און הונדערט טויזנטער געשאָכטענע האָב איך איצט דערשאָסן איין מענטש. מיט אָט דעם רעוואָלווער, וואָס ליגט דאָ נעבן אייך. פאַרזיכטיק, הער

קאָמיסאַר! דאָרט זענען נאָך פאַרבליבן צוויי נישט אויסגעשאָסענע קוילן, כע־כע! איך בין נישט משוגע. עס איז נאָר לעכערלעך, וואָס איך וויל אייך איבערציײַגן מיט ווערטער! דאָס דאַרף מען אַליין איבערלעבן, אַליין דורכמאַכן, כדי אין זיבן יאָר אַרום אָפּצוטון מײַן איצטיק שטיקל אַרבעט.

קאָמיסאַר

נאָך אײַערע אַלע רייד, ווייס איך פאָרט נישט, ווער איז ער געווען פּעטלוראַ?

שוואַרצבאַרד

אַ המן! אַ המן איז ער געווען. איר האָט אוודאי געהערט פון המנען?

קאָמיסאַר

אָבער דאָס איז דאָך נאָר אַ משל.

שוואַרצבאַרד

ניין. פאַרשריבן, פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל. אַזוי האָט געזאָגט שוואַרצבאַרד, בעת דער אויספאָרשונג. אַ המן. אַ צווייטער המן!

קאָמיסאַר

איר זענט נאָך צו פיל אויפגערעגט צו געבן לאָגישע דערקלערונגען. אפשר האָט איר באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ איבערן קאָפּ?

שוואַרצבאַרד

איך פּראָטעסטיר!

קאָמיסאַר

וואַ־אָס?

2־טער פּאָליציאַנט

(אַרײַן): הער קאָמיסאַר! איך קום פון שפּיטאָל, וווּהין איך האָב אַוועקגעפירט דעם פאַרוווּנדעטן. ער איז שוין געשטאָרבן. אָט זענען זײַנע פּאַפּירן.

קאָמיסאַר

(לעזט): אַהאַ. סימאָן פּעטלוראַ. געבוירן אין — (דערלאַנגט שוואַרצבאַרדן) ער?

שוואַרצבאַרד

(דערפרייט): ער. ער! איך דאַנק. איך דאַנק. איר האָט מיך דערפרייט!

קאָמיסאַר

וואָס איז די שמחה אויף אייך? אַ מענטשן טויטגעלייגט און איר פרייט זיך!

שוואַרצבאַרד

יאָ. איך פריי זיך, וואָס איך האָב טויטגעלייגט ד ע ם מענטשן. ד ע ם מענטשן! ד ע ם! אויף אים בין איך אַזאַ אַכזר, הער קאָמיסאַר. איך האָב געקעמפט בעת דער מלחמה אין פרעמדן־לעגיאָן. דאָרט זענען נישט קיין מלוא־פּים־קינדער, איר ווייסט. מיך האָט מען גערופן „דער קליינער ווילהעלם טעל". איך קאָן צילן און איך קאָן טרעפן. און דאָ האָב איך געציטערט, טאָמער טרעף איך נישט. פינף קוילן האָב איך אויסגעשאָסן. אויף אַ דיסטאַנס פון צוויי טריט! כאַ־כאַ־כאַ! און איר האָט מיך פאָרט אַרײַנגעברענגט אין אַ ספק. טאָמער נישט געטראָפן. נישט א י ם געטראָפן!

קאָמיסאַר

און וואָס טוט איר, ווען איר מאַכט טאַקע אַ טעות און דערשיסט אַ צווייטן?

שוואַרצבאַרד

זאָרגט נישט. איך וואָלט שוין דאַן נישט געוואָרט אויף פראַנקרײַכס משפּט. כ'וואָלט מיך אַליין געמשפּט.

קאָמיסאַר

דאַרף מען, הייסט עס, פאַרשטיין אײַער טאַט, ווי אַ נקמה־אַקט?

שוואַרצבאַרד

יאָ. נקמה! בלוטיקע נקמה! אוי, נקמה!

קאָמיסאַר

(גיסט אָן אַ גלאָז וואַסער): נעמט אַ שלוק און באַרויִקט אײַך.

שוואַרצבאַרד

מען דאַרף שוין נישט. אַ דאַנק!
(עס קלינגט דער טעלעפאָן. קאָמיסאַר נעמט דאָס טרייבל)

קאָמיסאַר

האַלאָ! הער פּרעפעקט? צו אייער דינסט. גאַרנישט. אַ מאָרד. אַ געוויינטלעכער מאָרד אויפן פּאָליטישן באָדן. דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ גאַנץ אַלטער געשיכטע. מיט עפּעס עסקאַפּאַדן אויף אוקראַינע, פּאָגראָ... פּאָגראָמען. איר ווייסט שוין, הער פּרעפעקט? ווונדערבאַר. ווי הייסט דער דערמאָרדעטער? גלייך. פּעטלוראַ. יאָ, פּעט־לו־ראַ. עס קלינגט עגיפּטיש. ער איז רויִק, גאַנץ רויִק. דאַנק! צו אייער באַפעל! אַזוי גלייך, ווי איך וועל אויספאַרשן דעם מערדער. צום באַפעל! (לייגט צוריק דאָס טרייבל) שרייבן מיר ווייטער, הער שוואַרצבאַרד. וויפל, זאָגט איר, קוילן האָט איר אויסגעשאָסן?

שוואַרצבאַרד

פינף. פינף קוילן.

קאָמיסאַר

פינף קוילן אויף אַ דיסטאַנס פון צוויי טריט. האָט דער באַפאַלענער זיך פאַרטיידיקט?

שוואַרצבאַרד

כ׳האָב אים אויפגעפאָדערט זיך צו פאַרטיידיקן „פאַרטייַדיק זיך, קאַנאַליע!" האָב איך אויסגעשריען. דעם ערשטן שאָס האָב איך געגעבן, ווען ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף מיר מיט זיין שטעקן. (טעלעפאָן. קאָמיסאַר נעמט דאָס טרייבל).

קאָמיסאַר

האַלאָ! יוסט... יוסטיץ־מיניסטער?! (שפּרינגט אויף) צו אייער באַפעל, עקסצעלענץ! יאָ, יאָ! פּעטלוראַ. אוקראַיִנישער אַרמיי־פירער. שוואַרצבאַרד... פּראָפעסיאָן? (צו שוואַרצבאַרדן. שטיל, צעשראָקן) פּראָפעסיאָן?

שוואַרצבאַרד

זייגערמאַכער.

קאָמיסאַר

זייגערמאַכער. יאָ. געדינט אין פרעמדן־לעגיאָן. צו אייער באַפעל, עקסצעלענץ! אַזוי גלייך ווי איך ענדיק די אויספאָרשונג. (פאָרזיכטיק אָפּגעלייגט דאָס טרייבל און קוקט מיט חשד אויפן טעלעפאָן) וואָס האָט איר דאָ אָפּגעטון, הער שוואַרצבאַרד? פון אַלע זייטן פרעגט מען זיך נאָך. איר האָט דאָך אַ גאַנץ וויכטיקע פערזאָן דערשאָסן. ווי איך זע, זענט איר געווען פון פריער צוגעגרייט.

שוואַרצבאַרד

איך האָב מיר געשטעלט פאַר אַ ציל — אים דערשיסן.

קאָמיסאַר

(צום פּאָליציאַנט): ווי אַזוי האָט איר אים געכאַפּט?

פּאָליציאַנט

כ׳האָב פאַרשפּאַרט אים צו כאַפּן. ער איז אין ערגעץ נישט געלאָפן. געבליבן שטיין נעבן דערמאָרדעטן און עפּעס אַריינגערעדט אין אים. אַז איך בין צוגעגאַנגען, האָט ער מיר אָפּגעגעבן דעם רעוואָלווער. „דערמאָרדעט אַ באַנדיט"!, האָט ער געזאָגט. ערשט דאַן איז דער המון אים באַפאַלן, געוואָלט לינטשן. איצט וואַרטן זיי אַלע אויף עדות צו זאָגן.

קאָמיסאַר

עדות — אַז וואָס?

פּאָליציאַנט

נו, אַז ער האָט טאַקע געשאָסן.

קאָמיסאַר

ער לייקנט עס דאָך נישט. (טעלעפאָן. נעמט דאָס טרייבל) האַלאָ! רעדאַקציע „מאַטען"? זער אַנגענעם. מיט וואָס קאָן איך דינען? אָך, יאָ. דער פּעטלוראַ־מאָרד. איך האָב אים, דעם מערדער, יאָ. אָט דאָ, ביים טיש, זיצט ער. לײדער! קיינע אינפאָרמאַציעס. וואָס? ווי? ווו עס זענען די איבעריקע באָלשעוויקעס? דאָס איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט. עס טוט מיר לייד. ביז נאָך דער אויספאָרשונג. צי ער איז געווען אַ דאָקטאָר? כ׳ווייס נישט. דירעקטאָר?

אָך — דיקטאַטאָר! מעגלעך. מעגלעך. צום ווידערזען. עס האָט מיך זייער געפרייט. (ליגט אָפּ דאָס טרייבל, פאַר־לוירן) וואָס האָט איר געוואָלט פון מיר, הער שוואַרצ־באַרד? איר האָט טויט־געלייגט אַ מענטשן, וואָס איך האָב קיין מאָל זיין נאָמען נישט געהערט און זעט, ווי איר האָט אויפגערודערט פאַריז! אַזאַ רעקלאַמע וואָלט „ציטראָען" אַליין זיך געווונטשן.

2־טער פּאָליציאַנט

(אַריין): הער קאָמיסאַר! אַ מחנה קאָרעספּאָנדענטן און פאָטאָגראַפן באַלאַגערן דעם קאָמיסאַריאַט. זיי בעטן אינ־פאָרמאַציעס, ווילן אָנקוקן דעם מערדער.

קאָמיסאַר

אָט אַ האָט איר. מאָרגן, הער שוואַרצבאַרד, זענט איר דער פּאָפּולערסטער מענטש אין פראַנקרייך.

שוואַרצבאַרד

גוט אַזוי, גוט. אַזוי באַדאַרף צו זיין. פאַריז — דאָס איז ווייניק. די גאַנצע וועלט! דער גאַנצער ערד־קוגל זאָל אויפגעטרייסלט ווערן. איך האָב אַ שאָס געטון אין דער וועלט אַריין, נישט כדי צו ווערן פּאָפּולער, נאָר כדי מיינע ווייטאָגן זאָלן ווערן פּאָפּולער! דאָס זענען די ווייטאָגן פון אַן אומגליקלעך פאָלק!

קאָמיסאַר

דאָס איז דאָך אָבער אַן אַלטע געשיכטע!

שוואַרצבאַרד

ווי שנעל ביי אייך פאַרהיילן זיך די ווונדן, הער קאָ־מיסאַר!

פּאָליציאַנט

וואָס טוט מען מיט די לייט, וואָס האָבן צוגעזען דעם מאָרד, הער קאָמיסאַר?

קאָמיסאַר

געזען! ווער האָט געזען? וואָס האָבן זיי געזען? די דאָזיקע בהמות האָבן גאָרנישט געזען און גאָרנישט פאַרשטאַנען. המון! פאַריזער המון! ווער קען אים

נישט? צעלאָפן זיך, ווי מייז, פאַר אַ באַוואָפנטן, און אַ שוצלאָזן — צעשלאָגן ביז בלוט! איצט ווילן זיי אייך לינטשן, הער שוואַרצבאַרד, און מאָרגן וועט איר ווערן אַ קדוש אין זייערע אויגן. זיי וועלן שרייען, אַז געשלאָגן האָט מען אייך אין דער פּאָליציי בעת דער אויספאָרשונג. ניין. בעסער לאָמיר קיין צייכן נישט איבערלאָזן. וואַשט אייך ליבערשט אָפּ דאָס בלוט פון פּנים, הער שוואַרצבאַרד און דאַן וועלן מיר פאַרזעצן דעם פּראָטאָקאָל. גייט. דער פּאָליציאַנט וועט אייך באַגלייטן. (פּאָליציאַנט באַגלייט שוואַרצבאַרדן. קאָמיסאַר — האַלב צו זיך, האַלב צום איינציקן קלערק, וועלכער האָט אויפגעהערט צו טינטלען) איך קען אים שוין גוט, דעם פאַריזער המון, וואָס פירט זיינע אייגענע העלדן צו דער גיליאָטינע! דאָ, קאָן מען זאָגן, שפּילט זיך אָפּ אַ דראַמע פון העכערן סטיל. ס'איז נישט עפּעס גלאַט אַ מאָרד. פון איין זייט — אַן אַרמיי־פירער, פון דער אַנדערער זייט — אַ זון פון אַ געפּייניקט פאָלק. ווער איז גערעכט — זאָל דאָס געריכט אור־טיילן אָבער וואָס האָט דאָ צוצוגעבן דער המון, וועלכער האָט צוגעזען דעם לעצטן מאָמענט פון דער דראַמע? גאָר־נישט. גראָטעסק. אין דער דראַמע — דער גראָטעסק. נישט אמת?

קלערק

און איך וואָלט שוין בעסער באַשטאַנען מען זאָל אים לינטשן, הער קאָמיסאַר.

קאָמיסאַר

פאַר וואָס דען?

קלערק

ס'איז אינטערעסאַנטער, שפּאַנענדיקער און... אַ שנעלערער סוף.

קאָמיסאַר

אויך אַ געשמאַק־זאַך.

(חנה שוואַרצבאַרד, מיט אַ טיכעלע ביי די אויגן, נישט זיכער זיך אַריינגעשלייכט, בלייבט אין מיטן צימער).

קאמיסאר

ווער האט אריינגעלאזט די דאמע? מאדאם! קיין עדות הערן מיר נאך נישט אויס. מירן אייך אריינרופן.

חנה

(מיט א פארשטיקט געוויין): נישט קיין עדות, הער קאמי־סאר. כ׳האב געוואלט אים זען! ס׳איז דאך מיין מאן! מיין אומגליקלעכער מאן!

קאמיסאר

(שטעלט זיך אויף): מיין מיטגעפיל, מאדאם. אבער... דער אומגליקלעכער ליגט דאך אין שפיטאל.

חנה

(וויינענדיק): ניין, הער קאמיסאר, ניין.

קאמיסאר

אך... איז דער מערדער אייער מאן? דאס איז וויכטיק. זעצט זיך, מאדאם.

חנה

כ׳האב דערהאלטן זיין קארטל דורך ראר־פאסט, אז... באלד וועט דאס אומגליק געשען. בין איך געלאפן פאר־היטן און געקומען נאך אלעמען...

קאמיסאר

האט איר פיליכט מיט זיך דאס קארטל?

חנה

ניין. אין דער היים, הער קאמיסאר, אין דער היים... זאל מיר דערלויבט זיין צו פרעגן, וואס האט מען מיט אים געטון?

קאמיסאר

מיט אייער מאן האט מען נאך גארנישט געטון, מאדאם. אזעלכע געשעענישן פאדערן קודם־כל א גרינטלעכע אויס־פארשונג, דאן — א פראצעס. אבער דאס פאלק האט נישט קיין געדולד. דאס פאלק האט אים דערוויל גוט אנגע־בראכן די ביינער און...

חנה

אי!

קאמיסאר

נו וואס האט איר פארלאנגט, מאדאם? מען זאל אים א קניפ טון אין בעקל פאר דערשיסן א מענטש? איז אייער מאן אפט געווען אין אן אויפגערעגטן צושטאנד?

חנה

לעצטנס — זייער אפט, הער קאמיסאר.

קאמיסאר

פלעגט ער אפט דערמאנען דעם נאמען (קוקט אריין אין א ביכעלע) פעטלורא? איך מוז צוגעבן מאדאם, אז עס דינגט אייך דאס רעכט זיך אפצוזאגן פון געבן דער־קלערונגען.

חנה

(פארצווייפלט): אז איך האב דאך נישט וואס צו פארבארגן הער קאמיסאר! מיין מאן איז נישט קיין פראפעסיאנעלער מערדער! וועגן פעטלורען האט ער אפט גערעדט, אבער וועגן דערשיסן אים — דאס קיין מאל נישט.

קאמיסאר

יא, מאדאם: אונדזער טיפסטן סוד פארטרויען מיר קיינעם נישט. א מענטש איז זייער איינזאם, מאדאם. פיל איינ־זאמער, ווי מיר ווילן זיך איינרעדן.

שווארצבארד

(אריין אן אפגעוואשענער, א רויִקער. עס רויטלען זיך די פרישע וווּנדן אויפן אויפגעביילטן פנים. ער באטאפט זיך דיביילן מיט דער האנט. פלוצעם דערזעט ער חנהן. דאס פנים באקומט אויף א ווײלע א פיינלעכן אויסדרוק. פון דער וויטנס שטרעקט ער אויס די האנט) צו וואס, נו, צו וואס ביסטו געקומען מיין רויִקייט צעשטערן?

חנה

(שטייט אויף. מיט שטילן טראגישן פאטאס: זיין רויִקייט! זיין רויִקייט איז אים בילכער פון אלץ. און וועגן מיין רויִקייט האסטו כאטש אויף א רגע א טראכט געטון? נו, זע, שלום! נו, זאג, האסטו דאס באדארפט?

שווארצבארד

פאראן א סך זאכן, קינד, וואס מיר דארפן נישט און מיר קאנען זיי פארט נישט אויסמיידן.

חנה

טא וואס־זשע וועט זיין דער סוף?

שווארצבארד

דער סוף, חנהלע, וועט זיין, אז... מירן אלע שטארבן. אבער א י ם, חנהלע, האב איך געמוזט פארויס שיקן. געמוזט. דאס איז געווען מיין פראטעסט פאר די לעבעדיקע! הער קאמיסאר, איז מיר דערלויבט צוצוגיין צו מיין פרוי?

קאמיסאר

(צענעמט די הענט): נו, וואס זאל איך מאכן מיט אייך? (לאזט זיך גיין צו זיין קאבינעט און גיט א צייכן דעם קלערק, ער זאל מיטגיין. עס בלייבט נאר איבער דער פאליציאנט אויף דער וואך).

חנה

(זעצט זיך א צעבראכענע): פראטעסט! א גאנץ לעבן, אז דו פראטעסטירסט, שלום! א גאנץ לעבן קיין רויִקע מינוט זיך נישט פארגונען. פון דיין יינגסטער יוגנט אן, האלטסטו אין איין פראטעסטירן און — זע! דו האסט די וועלט נישט איבערגעמאכט!

שווארצבארד

ביסט געקומען אפשפעטן פון מיר?

חנה

אוי, ניין. זעסט נישט מיין הארץ, ווי עס בלוטיקט. ביסט אן אומרויִקע נאטור, שלום! כ׳וואלט נישט געקענט דיין טיפע ערלעכקייט, דיין דארשט נאך יושר, וואלט איך דיר אפילו איצט געזאגט: ביסט אן אוואנטוריסט, שלום שווארצבארד!

שווארצבארד

שנייד שטיקערווייז! איך בין נישט ווערט דו זאלסט מיך שוינען. איך האב דיך אויך נישט געשוינט.

חנה

אלץ הייסט — נישט געשוינט! האסט אונדזער בידנס לעבן צעבראכן. פאר וואס איך האב געציטערט זינט איך קען דיך — דאס איז געשען! פאר וואס איז עס מיר געקומען, שלום?

שווארצבארד

א פאר־פאלק איז דאך נישט קיין סיאמער צווילינג. עס קאנען זיך אמאל אונדזערע וועגן צעגיין. האסט דאך ליב באקומען שלום שווארצבארדן דעם אוואנטוריסט, די אומרויִקע נאטור, אזוי ווי ער איז. האסט דאך געוווּסט, ווי שווער עס איז מיך איבערצומאכן. און וואלט עס לייכט געווען, וואלסטו אפשר מיך פיינט געקריגן, ווער ווייסט? באדארפסט נישט אנהענגען אן מיר אלע דיינע טענות, ניין.

חנה

אפשר... כ׳האב אבער קיין כוח נישט צו ליידן. פארגיב מיר שלום, וואס איך פרוו זיך אויסטענהן אין אזא מאמענט. ס׳איז מיר שווער.

שווארצבארד

נעם דיר אראפ אביישפיל פון מיר. איך בין רויִק.

חנה

דו ביסט רויִק?

שווארצבארד

יא, רויִק. זיבן יאר האט מיר געברענט דאס בלוט אין פנים. איצט — זעסט? איז עס אפגעוואשן ריין. עס ברענט שוין נישט מער. כ׳וועל שוין נישט דארפן זיך דאס פנים ווישן. וועסט שוין פארשפארן אוועקרייסן מיין האנט פון פנים. ס׳איז א פרייד, ווען א פשוטער מענטש קאן אויסשיסן אין די אויערן פון דער וועלט און זי אויפוועקן! חנהלע, איך האב אויפגעוועקט די וועלט! וואסער ווערט האבן דא די אייגענע עטלעכע יאר?

חנה

יא, יא. קאנסט פיין רעדן, בלאנדער קאפ מיינער! טראגישער קאפ מיינער! איך האב דאך דיך ליב אויך איצט.

שלום! שלום! האָסט געהערט? אַ מענטש מיטן נאָמען שלום און מיט דער אייביקער מלחמה אין זיין ברוסט!
(קאָמיסאַר עפנט די טיר און רוימט עפּעס איין דעם פּאַ־ליציאַנט. אָפּ).

פּאָליציאַנט

הער שוואַרצבאַרד, איר ווערט אויפגעפאָדערט אין קאַבינעט פון קאָמיסאַר.

שוואַרצבאַרד

איך גיי. באַרויִק זיך, חנהלע, שטאַרק זיך. זעסט ווי ס׳איז גוט, אַז מען קריגט זיך נישט? גיב אַ שמייכל. נו, גיב צו מיר אַ שמייכל און גיב אַ גלעט אונדזער טרייע נשמה — צערבערן. (קושט איר האַנט און גייט).

חנה

שלום, וווּהין?

שוואַרצבאַרד

מירן זיך נאָך זען. (אָפּ מיטן פּאָליציאַנט. חנה בלייבט ווידער זיצן אַ צוזאַמענגעבראָכענע. מאַכט אַ גרויסע אַנ־שטרענגונג נישט אויסצוברעכן אין געוויין־ספּאַזמען. וויינט שטיל. פון דער טיר, לינקס, אין באַגלייטונג פון אַ צווייטן פּאָליציאַנט, קומט אַריין מאַדאַם פּעטלוראַ. זי איז צעטראָגן און פאַרצווייפלט. זי איז טויב. זי לייגט צו אַ הילכער צום אויער, צו הערן, וואָס יענער רעדט. צוליב פאַר־צווייפלונג הערט זי נישט, אויך דורכן הילכער).

מאַדאַם פּעטלוראַ

ווּ איז ער? כ׳וויל אים זען. זאָל ער מיר זאָגן, וואָס האָט ער געהאַט צו מיין מאַן? ווער איז זי? וואָס וויינט זי?

פּאָליציאַנט

דאָס איז פרוי שוואַרצבאַרד.

מאַדאַם פּעטלוראַ

ווער? די פרוי, די פרוי פון דערמאָרדעטן? נישט אמת! איך בין פרוי פּעטלוראַ! איך, די איינציקע! כ׳וועל קיינעם נישט לאָזן פאַרגיסן פאַלשע טרערן! וואָס? יענעמס פרוי,

דעם מערדערס? וואָס־זשע וויינט זי? וויינען דאַרף איך! (צו חנהן) מערדערס פרוי! וואָס האָט דיין מאַן געהאַט צו מיין מאַן? פאַר וואָס האָט ער אים דאָס לעבן פאַרשניטן? מיין מאַן האָט דאָך נאָך געקאָנט לעבן, פאַר מיר, פאַר אונדזער קינד — נאָך גאָר אַ יונג מיידעלע, אַ קליין יתומהלע! מערדערס פרוי! דו מוזסט דאָך געניי וויסן, פאַר וואָס? פאַר וואָס? ווי אַזוי נעמט זיך דאָס איין מענטש דאָס רעכט אַזוי האַרב צו באַשטראָפן אַ צווייטן?! זעסט, מערדערס פרוי, איך בין אַ קראַנקע. אומהיילבאַר קראַנק. געמיינט — פּאַריז וועט מיר אומקערן מיין געהער, האָט פּאַריז מיך לעבן אונטערגעזעגט. טאָ, ווי האָט עס נישט אַ וועלט קיין איינזען מיטן איינזאַמען מענטש, מיט דעם שוואַכן, אומגליקלעכן? ווי לאָזט מען דאָס פראַנק און פריי אַרומשפּאַצירן מערדער איבער פּאַריז?
(פּאָליציאַנט טרעט אָפּ צום קאָמיסאַרס טיר).

חנה

(פאַר דער צייט פון מאַדאַם פּעטלורעס רייד, האָט זי זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און זיך געענדערט. איצט שטייט זי קעגן איר מיט אַ מין טראַגישן שטאָלץ און פאַרביטער־רונג). דאָס זענען דאָך די טענות פון מ יי ן אומגליקלעכן מאַן! ווי אַזוי לאָזט מען דאָס אַרומשפּאַצירן מערדער איבער פּאַריז?! מיין מאַן האָט בלויז איינעם דערהרגעט און — זע! — ער וועט ווערן אין קייטן געשמידט! אָבער דיין מאַן האָט הונדערטער טויזנטער לעבנס אומגעבראַכט און קיינער האָט אים נישט געשטערט שפּאַצירן איבער פּאַריז, האָט מיין מאַן געלייגט אַ וועטאָ אויף זיין שפּאַציר!

מאַדאַם פּעטלוראַ

(דערהערט נישט): ווער? איך? אַז איך האָב קיין מאָל קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון. כ׳האָב קיינעם קיין מאָל די אויגן נישט געשטאָכן מיט מיין ווילטאָג. אַז מיר איז גאָר קיין מאָל נישט געווען גוט. ס׳אַ ליגן. אַפילו אין די גאָר גוטע צייטן, בעת אַ וועלט האָט געמיינט, אַז פּעטלוראַ איז קעניג פון אוקראַינע. אַ קנעכט איז ער געווען.

א שקלאף ביי זיין ליבע צום פאטערלאנד. וויפל מאל איך האב די האר פון קאפ געריסן: סימאניע, ווארף אוועק די פאליטיק! סימאניע, זי וועט אונדז אין קבר ברענגען. האסט דאך ליב ביבליאגראפיע — רעגיסטריר ביכער אין ביבליאטעק. האסט ליב טעאטער — פיר אן מיט א טרופע. געדענקסט, סימאניע, ווי גוט ס'איז אונדז געווען, בעת מיר האבן צוזאמען געשפילט אוקראיניש טעאטער? מיין שטים האט דאן געקלונגען, ווי א זילבערנער גלאק. איך בין געווען מוזיקאליש ביז די שפיצן פון די פינגער. האט מיך די רעוואלוציע טויב געמאכט. מיך פאר א טויבע און אים פאר א באנאפארטע! סימאניע! דו, מיט דיין שטילן מענטשלעכן הארצווייטאג, זאלסט קאנען איינרייסן מיט א האלבער וועלט? איך תשובה האט ער געהאט — אוקראינע!

חנה

האט ער איצט פאר דעם באצאלט, פרוי פון אומגליקלעכן אקטיאר, וואס אים האט זיך פארגלוסט שפילן באנאפארטע! און אז מען האט ליב אוקראינע, שעכט מען מענטשן פאר גאט? שעכט מען אין נאמען פון ליבע? שעכט מען אין די הונדערטער טויזנטער? מאכט מען א שייטערהויפן פון א פאלק? פאר דעם מוז די געשיכטע זיך נוקם זיין! ווי גערעכט איז מיין מאן אין זיין האנדלונג, אבער ווי אומבאהאלפן איז זיין גערעכטיקייט! איך לעבן האט ער אוועקגענומען ביי דיין מאן און פאר דעם — מיט זיין אייגן לעבן באצאלט. נאר איך וועל נישט וויינען פאר דיר, טויבע פרוי. ביסט טויב, ווי די וועלט. דו פילסט נאר דיין אייגענעם ווייטאג און הערסט נישט די ווײ־געשרייען פון מיליאנען. גיי, גיי דיר דיין וועג!

מאדאם פעטלורא

(פארשטייט, לויטן זשעסט, אז חנה הייסט איר גיין) ווער? איך? איך זאל גיין? וווהין זאל איך גיין, אז סימאן ליגט א טויטער. דו בייזערסט זיך נאך? מיט וואסער רעכט? מענטשן קאנען שעכטן און פארבלייבן נאך די גערעכטע!

און סימאנען ווייס איך שוין נישט צו וואס מען דארף מיך אויף דער וועלט. דיין מאן האט מיינעם געשאסן, דערשאסן ווי א הונט, טו־זשע די מענטשלעכע טובה, דערשיס מיך אויך. (זי דערהערט ווערטער, וועלכע קיינער האט נישט געזאגט). הא, וואס זאגסטו? מיין מאן — א מערדער? מיין סימאן? ניין, ניין. קיין מאל אין לעבן נישט! קעגן דעם וועל איך קעמפן מיט די לעצטע כוחות.

(שווארצבארד ווערט ארויסגעפירט פון קאמיסארס קאבי־נעט, ער איז געשמידט אין קייטן, צוויי פאליציאנטן מיט בלויזע שווערדן באגלייטן אים).

מאדאם פעטלורא

אט! אט איז דער מערדער! איך דערקען אים! (קערט זיך אפ, פארשטעלט זיך דאס פנים).

חנה

שלום! שלום! שוין? אזוי פרי? אזוי שנעל? ש־לום! (זי לויפט צו צו אים. פאליציאנט שטויסט זי ברוטאל אפ).

שווארצבארד

זיי געזונט, חנה. לאז גריסן באקאנטע. זאג זיי, איך בין נישט דערשלאגן, ניין!

חנה

שא־לעם! (מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ברעכט צוזאמען. שווארצבארד אפ).

מאדאם פעטלורא

און איך האב אפילו נישט געפרעגט, פאר וואס ער האט דאס געטון. וואס וועט דא העלפן מיין פרעגן, אז דא זענען אלע די גערעכטע און אלע די אומגליקלעכע! איצט זעסטו שוין ווי מיר איז גוט? איצט גלייבסטו שוין?

חנה

ס'איז אונדז בײדן גוט!... (מיט געוויין טוליען זיך די פרויען איינע צו דער אנדערער).

פארהאנג

דאס דריטע בילד

א שמאלע תפיסה־קאמער, א בעטל, א בענקל, א טיש מיט ביכער. אין פארקראטעוועטן פענצטער — פאסן זון. שווארצ־באָרד אין געשטרייפטע תפיסה־קליידער, שפאנט נערוועז הין און צוריק. ער איז אן קייטן. פון צייט צו צייט שטעלט ער זיך אפ, הערט זיך צו צום געוויין, וואס דערגרייכט פון ערגעץ פון די אייבערשטע שטאקן. אויפן טיש — אן אפן בוך, א קאווע־טעפל, א שטיקל ברויט. אין דער פארשלאסענער טיר עפנט זיך א פענצטערל. עס קוקט אריין דער קארידאר־וועכטער.

וועכטער

שפאנסט ארום, שפאנסט ארום דעם גאנצן פרימארגן און דיין קאווע איז קאלט געווארן — אויסצוגיסן.

שווארצבארד

איך קאן נישט טרינקען, איך קאן קיין ביסן נישט אראפּ־שלינגען. עס לעכערט מיר דעם מוח דאס געוויין. ווער וויינט עס?

וועכטער

שוין צייט זאלסט זיך צוגעוויינען. דא הערט מען אפט וויינען. פונקט ווי אויף דער פריי. אפשר ווילסטו עפעס פרישטיק פון דער קאנטינע, קאנסטו הייסן דיר אַרויפּ־ברענגען, וואס דיין הארץ גלוסט.

שווארצבארד

איך בין גארנישט אזא איבערקלייבער, ווי דו מיינסט.

וועכטער

לויט דעם טומל, וואס מען מאכט ארום דיר, איז רעכט, אז דו ביסט אן אינדישער פרינץ.

שווארצבארד

נישט מער און נישט ווייניקער. ווי מיינסטו, חבר, ס'האט

זיך געלוינט צו דערהרגענען א מענטשן, כדי צו ווערן אזוי פאפולער?

וועכטער

האסטו טאקע דערהרגעט?

שווארצבארד

כ'מיין עפעס. איך האב שוין אין גיכן דעם פראצעס.

וועכטער

א שאד, אויב מ'וועט דיך מאכן מיט א קאפ קירצער. ביסט א געמיטלעכער מענטש. און די קאמער איז אויך א שאד צו פארלאזן: דא איז די זוניקע זייט. ווינטער איז דא ווארעם...

שווארצבארד

א דאנק פאר דיין גוט הארץ. וואלסט געווען גאר א ווילער חבר, ווען דו זאגסט מיר, ווער עס וויינט אזוי אן אויפהער.

וועכטער

איך זאג דיר — נארישקייטן. כ'ווייס אליין נישט ווער עס וויינט. אט האב איך געוואלט דיר עפעס ווייזן, ביז דער עלטסטער וועט אנקומען. כאפ א קוק, אבער שנעל. (וויקלט אויף א צייטונג) זעסט דאס בילד? אט זענען מיר אלע. דו — אין דער מיט, פארשטייט זיך, רעכטס — דיין פארטיידיקער, מעטר טארעס און ווער פון לינקס? איך. כא־כא־כא! דאס האט מען אונדז אראפגעכאפט אונטן,ביים אויספארשונגס־ריכטער. יא. נישט יעדן טאג מאכט זיך אזא געלעגנהייט. איצט וועט מען מיך זען אין גאנץ פראנקרייך!

שווארצבארד

זעסטו שוין? זעסטו שוין? נישטא קיין דאנקבארקייט. צוליב מיר ביסטו פאפולער געווארן איבער גאנץ פראנק־רייך און דו ווילסט מיר נישט אויסזאגן, ווער עס וויינט דארט.

וועכטער

נו, גוט, כ'וועל שוין שטילן דיין נייגער. כאטש איך גיב

אַרויס אַ פּראָפעסיאָנעלע געהיימעניש. אויבן, אין דער פּערטער אָפּטיילונג, פאַרשטייסטו, זיצט אַ חברה־מאַן, פאַר־אורטיילט צו דער גיליאָטין. נו, האָט ער מיט אַ שעה פריִער געפּרווּוט זיך אַרויסדרייען פון דער געַרעכטיקייט.

שוואַרצבאַרד

געוואָלט אַנטלויפן?

וועכטער

ביי אונדז לויפט מען נישט. ער האָט געוואָלט זיך... אויפהענגען. שטעלסטו זיך פאָר, וואָס פאַר אַ פּסק מיר וואָלטן געכאַפּט, ווען עס געלינגט אים?

שוואַרצבאַרד

האָט איר אים געשטערט?

וועכטער

פון דער פּעטליע אים אַראָפּגענומען! איצט טיילט מען אים קלעפּ. זאָל ער ווייטער קיין חכם נישט זיין. אַז מען זאָגט דיר גיליאָטין, וואָס גייסטו זיך הענגען?! נו, נעם זיך נישט איבער מיט יענעמס האַרצווייטאָג. ס'וועט דיר נישט פעלן דייך אייגענע. טרינק בעסער דיין קאַווע.

(פאַרהאַקט דאָס פענצטערל. שוואַרצבאַרד שטייט אַ ווײַלע, ווי געליימט, דאַן נעמט ער זיך נערוועז שפּאַנען הין און צוריק. אין קאָרידאָר — מיליטערישע טריט).

גענעראַל

נו, וואָס הערט זיך דאָ?

וועכטער

אַלץ אין בעסטן אָרדענונג, הער גענעראַל.

גענעראַל

עפן נאָר אויף!

וועכטער

שוין געמאַכט, הער גענעראַל!

גענעראַל

(קאַוואַלער פון ערן־לעגיאָן. אַריין אין קאַמער): באָנזשור מאָסיע.

שוואַרצבאַרד

באָנזשור. מיט וואָס קאָן איך דינען?

גענעראַל

איך בין פאַרוואַלטער פון דעם דאָזיקן הויז. איך קום פון אורלויב און מאַך מיין וויזיטאַציע. איך וויל מיך באַקענען מיט די פענסיאָנערן, וואָס זענען מיר צוגעקומען און דערוויסן זיך, צי דאָס לעבן איז זיי דאָ דערטרעגלעך. ווי פילט איר אייך? פעלט אייך גאָרנישט?

שוואַרצבאַרד

איך דאַנק, הער גענעראַל. איך באַקלאָג מיך נישט.

גענעראַל

איר האָט דאָ פיל זון. ווינטער וועט זיין וואַרעם...

שוואַרצבאַרד

אַ דאַנק. מיין פּראָצעס וועט פאָרקומען פריִער.

גענעראַל

האָפט איר באַפרייט צו ווערן?

שוואַרצבאַרד

אָדער — אָדער, הער גענעראַל. איך האָב דאָך אַ מענטש דערהרגעט! די קאַמער וועל איך אַלן פאַלס באַפרייען.

גענעראַל

אַזאַ אומגליק! ווער איז ער געווען, דער מענטש, וואָס איר האָט אומגעבראַכט?

שוואַרצבאַרד

אַ גענעראַל.

גענעראַל

אַ גענעראַל!

שוואַרצבאַרד

אַ גענעראַל, הער גענעראַל. אַן אוקראַיִנישער.

גענעראַל

נו, נו, פּאַסט אייך מוט. פעלט אייך באמת גאָרנישט?

שוואַרצבאַרד

ביכער וואָלט איך וועלן, הער גענעראַל.

גענעראַל

איר האָט דאָך ביכער.

שוואַרצבאַרד

די זענען פאַר מיר ווייניק, הער גענעראַל.

גענעראַל

(צום וועכטער): צושטעלן ביכער פון אונדזער ביבליאָטעק אויף יעדן פאַרלאַנג! (וועכטער סאַלוטירט). ביכער! הם... אַלע אומגליקן קומען פון אַט די ביכער. יאָ, מיין הער, פון די ביכער האָט איר אַוודאי זיך אויסגעלערנט... שיסן גענעראַלן!

שוואַרצבאַרד

הער גענעראַל!

גענעראַל

יאָ, יאָ. פון די ביכער. אַלע ביכער דאַרף מען פאַרברענען. וואָלט די וועלט געהאַט מער אַרבעטזאַמע בירגער! און איך וואָלט נישט געהאַט קיין פענסיאָנערן אין דעם הויז. דאָ איז דאָך שטענדיק איבערפולט, ווי סאַן־מאָריץ אין ווינטער־סעזאָן! נו, מיר זענען טאָלעראַנט. איר וועט האָבן ביכער. צום ווידערזען!

שוואַרצבאַרד

ס׳האָט מיך געפרייט, הער גענעראַל.

(ווידער בלייבט שוואַרצבאַרד, ווי געליימט. ווידער נעמט ער נערוועז אַרומשפּאַנען. ס׳עפנט זיך דאָס פענצטערל אין טיר).

וועכטער

שוין היינט ביי דיר אַ טאָג פון וויזיטן. מיין אינדישער פרינץ. זיי גרייט אויפצונעמען אַ פרישן גאַסט.

שוואַרצבאַרד

ווידער אַ גאַסט! אַז איך האָב גאָר קיין קאָפּ נישט און קיין געדולד נישט און קיין מוט נישט! (דאָס פענצטערל פאַרהאַקט זיך).

ד״ר לעווי

גריס גאָט, מיין בראַווער יונג. דאָ איז ער?

וועכטער

דאָ, הער דאָקטאָר. דאָ.

ד״ר לעווי

(אַ בכבודיקער זקן אין אַ צילינדער, אויך קאַוואַלער פון ערן־לעגיאָן. אַריין אין קאַמער): באָנזשור מאָסיע!

שוואַרצבאַרד

באָנזשור.

ד״ר לעווי

איר... דערקענט מיך נישט? זענט איר נישט קיין היגער? איך בין דער גראַן־ראַבען פון פאַריז. דער גייסטיקער פאָטער פון תפיסות און שפיטעלער.

שוואַרצבאַרד

העכסט אָנגענעם.

ד״ר לעווי

איך קום צו אייך געוויר ווערן, זען וואָס איר מאַכט.

שוואַרצבאַרד

ווי פיין דאָס איז פון אייער זייט. מיט וואָס קאָן איך אייך באַדאַנקען?

ד״ר לעווי

מיין פליכט און מיין באַרוף. כ׳האָב געהערט, איר האָט געהאַט דאָס אומגליק צו דערהרגענען אַ מענטש? אַוודאי אַ טראַגישער צופאַל, אָדער אַ מאָמענט פון גרויסער אויפּרעגונג, ווען אַ מענטש קאָן זיך נישט באַהערשן. זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען! אויב דאָס וואָלט געווען אַן איינפאַכער מאָרד מיט פרעמעדיטאַציע, איז שטאַרק, זייער שטאַרק צו באַדויערן. איר ווייסט דאָך, אַז אונדזער הייליקע תורה פאַרווערט אונדז צו הרגענען מענטשן. ל א ת ר צ ח! (שלעפּט פון דער רעכטער קעשענע אַ קליין תורה׳לה).

שוואַרצבאַרד

איר דאַרפט אייך נישט באַמיען, גנעדיקער הער דאָקטאָר. אונדזער הייליקע תורה איז אַ שוואַכע וועג־ווייזערין. פאַר וואָס האָט זי עפּעס אונדז פאַרווערט הרגענען מענטשן און נישט פאַרווערט אַנדערע צו הרגענען אונדז? איצט זעט,

הער דאָקטאָר, ווי אַזוי אַנדערע זעען אויס און ווי אַזוי מיר זעען אויס! ניין. איך גלייב נישט, אַז די תורה זאָל זיין אַזוי הומאַניסטיש. „הבא להרגך — השכם להרגו!" דאָס שטייט דאָך אויך ערגעץ געשריבן. נישט אמת? און אַז גאָט אַליין האָט געהייסן אברהמען שעכטן יצחקן. דאַן מעגן מיר דאָך, מיט אַ רויִק געוויסן שעכטן איינע די אַנדערע. זיצט, זיצט, הער דאָקטאָר, זיצט.

ד"ר לעווי

נו, איר שפּאַסט. אַז נישט ווייסט איר נישט, אַז גאָט האָט אברהמען געפּרוּווט, געפּרוּווט זיין איבערגעגעבנקייט צו אים!

שוואַרצבאַרד

הער דאָקטאָר. איך קען אַ מאַן, וואָס איז געפּרוּווט געוואָרן. דער מאַן האָט געהייסן פּעטלוראַ און זיין גאָט האָט געהייסן אוקראַיִנע. האָט דער אייפערזיכטיקער גאָט געזאָגט צו זיין דינער: אויב דו ביסט מיר איבערגעגעבן, דאַן שעכט מענטשן! נאָר איין קליינִיקייט, הער דאָקטאָר. דער גאָט פון פּעטלוראַ האָט נישט באַוויזן אויסצושטרעקן זיין האַנט און פאַרהיטן פון אַ קאַטאַסטראָפע אין דעם ריכטיקן מאָמענט — האָט פּעטלוראַ גענומען שעכטן און שוין נישט אויפגעהערט! יאָ. אָט דעם דאָזיקן גאָטס דינער האָב איך אויסגעמעקט פון רעגיסטער פון די לעבעדיקע. ליבער הער דאָקטאָר, שטעלט אייך פאָר, אַז דער פאַל איז געשען מיט אברהם בן תרח און... ער האָט דערשטאָכן יצחקן. שטעלט אייך פאָר, ליבער הער דאָקטאָר, אַז איר זענט, צו יענער צייט, גראַף־ראַבען פון אַרם־נהרים. וואָלט איר אָנגענומען סאַנקציעס קעגן אַברהם בן תרח?

ד"ר לעווי

נו, דאָס שמעקט שוין מיט אַטעיִזם און ניהיליזם. איך וויל בעסער אויסמיידן דאָס געשפּרעך. דאָס איז זיכער אַ ווירקונג...

שוואַרצבאַרד

פון די פיל ביכער, ווילט איר זאָגן?

ד"ר לעווי

כאַפּט־זשע נישט. איך בין עלטער פאַר אייך. יאָ, פון געוויסע ביכער, וועלכע איך האַלט פאַר שעדלעך. אָבער, פריינד מיינער! פראַנקרייך איז דאָס קלאַסישע לאַנד פון טאָלעראַנץ און ד"ר לעווי קאָן רעדן צו אייער האַרץ נישט נאָר אין נאָמען פון גאָטס געבאָט, נאָר אויך אין נאָמען פון אונדזער אַלטער אויסגעאיידלטער ראַסן־מאָראַל. כ'ווייס, כ'האָב געלייענט: מען האָט אונדז געשאָכטן, מען האָט אונדז אָנגעטון די שרעקלעכסטע עינויים. באַדאַרפן מיר שרייען און שרייען! אויף דעם זענען מיר ייִדן. אָבער זיך אַנטקעגנשטעלן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט — הער שוואַרצבאַרד! — דאָס...

שוואַרצבאַרד

דאָס פּאַסט פאַר אַ גוי...

ד"ר לעווי

כאַפּט־זשע נישט. איך בין עלטער פון אייך. יאָ, ס'איז נישט קיין ייִדישע מידה.

שוואַרצבאַרד

הלוואי וואָלט איך בעסער געווען אַ גוי, וואָלט איך פאַר־שפּאַרט... אויסהערן אייער נאָטאַציע.

ד"ר לעווי

איר באַלידיקט מיך.

שוואַרצבאַרד

און איר פייניקט מיך! איר האָט געלייענט, אַז מען האָט אייך געשאָכטן, אַז מען האָט אייך אָנגעטון די שרעקלעכסטע עינויים. און איך, ליבער דאָקטאָר, האָב געזען די געשאָכטענע און איבערגעלעבט פּאָגראָמען!

(פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים).

ד"ר לעווי

יאָ... עפּעס לאָזט זיך דאָ נאָכדענקען. אַנטשולדיקט, אפשר וועט מען אייך געבן גערעכט, אפשר וועט גאָט העלפן...

(שלעפּט פון דער לינקער קעשענע אַ תהילימל).

שוואַרצבאָרד

ניישט נייטיק. נישט נייטיק זיין הילף.

ד״ר לעווי

וואָס? אין גאַנצן קאָנפּעסיאָנלאָז? אָבער אַ... ייִד זענט איר דאָך!

שוואַרצבאָרד

אַ ייִד און אַ הייסער ייִד! לײדער.

ד״ר לעווי

לײדער? וואָס בינדט אײך מיט ייִדישקייט, אויב איר זענט אַזוי ווייט פֿון גאָט?

שוואַרצבאָרד

די וועלט בינדט מיך מיט ייִדישקייט. אין נאָמען פֿון דער וועלט האָב איך געשאָסן פּעטלורען. אַ מענטש פֿון דער וועלט האָט אים געשאָסן. אָבער מענטשן וועלן זאָגן: אַ ייִד האָט אים געשאָסן פֿאַרן פֿאַרגאָסענעם ייִדישן בלוט, וואָס דער וועלט גייט עס נישט אָן. דאָס איז שרעקלעך!

ד״ר לעווי

אפשר זענט איר גערעכט. מיר איז אַזוי שווער צו פֿאַר־שטיק אַ הייסן ייִד, וועלכער... אַנטלויפֿט פֿאַר גאָט. אָבער איך בין גרייט צו דינען.

שוואַרצבאָרד

אַ דאַנק, דאָקטאָר, איך נייטיק זיך באמת נישט.

ד״ר לעווי

(דערלאַנגט אים זיין וויזיט־קאַרטע) אפשר וועט איר דאָך זיך מיישב זיין... אַז אַ מענטש איז מתפלל, ווערט אים גרינגער זיין געמיט. איר קאָנט צו יעדער צייט שיקן נאָך מיר. אַדיע.

שוואַרצבאָרד

אַדיע.

שוואַרצבאָרד

(שפּאַנט ווידער אָן אויפגערעגטער, לייענט די וויזיט־קאַרטע): ד״ר ראַפאַעל לעווי — גראַן־ראַבען און קאַוואַלער

פֿון ערן־לעגיאָן. שוין דער צווייטער קאַוואַלער אויף מיין קאָפּ!...

וועכטער

(אין פענצטערל): וואָס האָסטו אַזוינס אַריינגעזאָגט דעם אַלטן דאָקטאָר לעווי, וואָס ער איז אַנטלאָפן פֿון דיר, ווי אַן אונטערגעשאָסענער?

שוואַרצבאָרד

איך? גאָרנישט. אָבער ס׳איז געווען די העכסטע צייט ער זאָל אַוועק.

וועכטער

נו, יאָ. דו קאָנסט דיך דרייסט פֿאַרלאָזן אויף דיין פֿאַר־טיידיקער, מעטר טאָרעס. דאָס איז אַ לייב! אַ ווולקאַן! אַלע ציטערן פֿאַר אים. נישט אַנדערש, ער מוז זיין אַ באָלשעוויק. שאַ! אָט גייט שוין נאָך אַ דאָקטאָר.

שוואַרצבאָרד

שוין צוויי דאָקטוירים אויף מיין קאָפּ. זיי קאָנען דאָך משוגע מאַכן.

וועכטער

אַמאָל געלינגט זיי דאָס טאַקע. דאָן ראַטעווען זיי אַ מענטשן פֿון אַ זיכערן טויט. (פֿאַרהאַקט ס׳פענצטערל, שוואַרצבאַרד בלייבט ווי פֿאַרשטיינערט. אַז עס דערהערן זיך טריט אין קאָרידאָר, ביי דער טיר, הייבט ער אָן זיך אומצוקוקן מיט חיהשע באַוועגונגען).

ד״ר קלאָד

(אַ מאַן פֿון אַ יאָר 60, אין פענסנע. קאַוואַלער פֿון ערן־לעגיאָן): באָנזשור מאָסיע!

שוואַרצבאָרד

באָנזשור.

ד״ר קלאָד

(אָבסערווירט אים): ווי... פֿילט איר אײך אין געזונט?

שוואַרצבאָרד

הם... און איר? ווי פֿילט איר אײך אין אייער געזונט?

ד״ר קלאָד

איך בין אַרצט. מיך דאַרפט איר נישט פרעגן.

שוואַרצבאַרד

אַך, אַנטשולדיקט. דאָס האָב איך נישט געוווּסט. איך זע, אַ מענטש אינטערעסירט זיך מיט מיין געזונט, האָב איך מיך געוואָלט רעוואַנזשירן...

ד״ר קלאָד

גאַנץ לאָגיש. גאַנץ, גאַנץ לאָגיש.

שוואַרצבאַרד

און איר האָט פון מיר עפּעס ״ערוואָרט, הער דאָקטאָר. איך וואָלט מיך געפילט אויסגעצייכנט, ווען נישט די צו פיל פאַרזאָרגער אַרום מיר. מיין ליב פראַנקרייך פאַרפייניקט מיך מיט זיין טאָלעראַנץ.

ד״ר קלאָד

איך בין נישט אייער פאַרזאָרגער. איך קום פון אויספאָרשונגס־ריכטער נאָך אייניקע אינפאָרמאַציעס.

שוואַרצבאַרד

אָבער אַלע פּראָטאָקאָלן זענען שוין לאַנג אונטערגעשריבן.

ד״ר קלאָד

דאָס איז אַ גאַנץ באַזונדערע זאַך. אונדז וועט איר אַזוי גוט זיין שריפטלעך אינפאָרמירן, ווו און ווען איר זענט געבוירן, ווו און ווען שטודירט, ווו און ווען אַריין אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווו און ווען חתונה געהאַט, ווו און ווען געדינט אין מיליטער, ווו און ווען פאַרוווּנדעט געוואָרן, ווו און ווען דערהרגעט...

שוואַרצבאַרד

הער דאָקטאָר, דאָס איז דאָך אַ גאַנצע מגילה!

ד״ר קלאָד

מיר דאַרפן צו האָבן אייער שריפטלעכע אַרבעט. איר קאָנט אויך צוגעבן די מאָטיוון פון מאָרד.

שוואַרצבאַרד

צום ערשטן מאָל הער איך, אַז צום קוואַליפיצירן זיך ווי אַ מערדער, דאַרף מען ביילייגן אַ שריפטלעכן עקזאַמען.

ד״ר קלאָד

איך האָב דאָס נישט געזאָגט. דאָס האָט איר געזאָגט.

שוואַרצבאַרד

אָבער איר האָט עס געמיינט. אַזאַ איז די לאָגיק.

ד״ר קלאָד

לאָגיק? לאָזט איבער די לאָגיק פאַר אונדז, פאַר ספּעציאַליסטן, איר טוט נאָר, וואָס מען הייסט, וועט איר געהאָלפן ווערן... שרייבט, שרייבט. דאָס איבעריקע לאָזט איבער פאַר מיר און פאַר מיינע קאָלעגן דאָקטוירים, וואָס וועלן אורטיילן.

שוואַרצבאַרד

אַ־אַ! אַ פּסיכיאַטרישע עקספּערטיזע. איר ווילט מיך דערקלערן פאַר משוגע!

ד״ר קלאָד

אויב איר זענט עס נישט, וועט איר עס ווייטער נישט זיין. און — גלייבט מיר — ס׳איז גאָרנישט אַזוי לייכט פעסטצושטעלן. וואָס מיר ווילן יאָ פעסטשטעלן — איז די פונקציעס פון אייערע נערוון־צענטערס, די מאָס פון אייער אחריות.

שוואַרצבאַרד

די מאָס פון מיין אחריות דורך... מיין שלעכט פראַנצויזיש מיט די אָרטאָגראַפישע פעלערן; דורך דעם אויסטערלישן פאַקט, וואָס אין איין מענטשן האָב איך אַריינגעשאָסן פינף קוילן אויף אַ דיסטאַנץ פון צוויי טריט, און ענדלעך דורך... די מאָטיוון. כאַ־כאַ־כאַ! די מאָטיוון! איך אַליין קאָן אָפּוועגן אַלע מאָטיוון פון מיין אַטענטאַט.

ד״ר קלאָד

איר האָט חרטה?

שוואַרצבאַרד

קיין איין מינוט. אָבער טאָט איז אַריטמעטיק: צוויי מאָל צוויי, און שריפטלעכע מאָטיוון — העכערע מאַטעמאַטיק. הער דאָקטאָר, איך שטאַם פון אַ פאָלק, וואָס האָט ליב צו דרייען מיטן גראָבן פינגער — אָט אַזוי. איר ווייסט, וואָס

דאָס מיינט? חקירה. נו, ווי איז דאָס וואָרט? קאַזואַיסטיק. דאָס איז מיין אומגליק דאָ, אין דער צעלע. דער פראַנצויזישער לעגיאָנער ווערט צוריק אַ ייִדישער בטלן. איך קאָן אַזוי און קאָן אַזוי. איך קאָן מיך פאַרטיידיקן און איך קאָן מיך באַשולדיקן. איך קאָן מיך זען פון ביידע זייטן. דאָס איז אַ פיינלעכער צושטאַנד, דאָקטאָר. געפערלעך פאַר אַ שריפטלעכן עקזאַמען.

ד״ר קלאָד

ס'איז דאָך אָבער אומבאַדינגט נייטיק פאַר אונדז.

טאַרעס

(פלוצלינג) ווער נעמט דאָס דאָרט אַוועק אַזוי פיל צייט ביי מיין קליענט? קאָנט איר דאָ נישט איינפירן שטרענגערע אָרדענונג?

וועכטער

די מינוט, מעטר טאַרעס. די מינוט. (אין פענצטערל) הער דאָקטאָר! מעטר טאַרעס דאַרף נייטיק זיך זען מיט זיין קליִענט.

ד״ר קלאָד

מעטר טאַרעס האָט געמעגט וויסן, אַז איך קום אַמטלעך, נישט לויטן פרייען באַרוף.

טאַרעס

זאָגט דאָרט דעם באַאַמטן, אַז איך האָב נישט בדעה מיט יעדערן זיך אויסצוטענהן. איך האָב נישט בדעה צו רויבן די צייט, צו לאָזן דאָרט פייניקן מיין קליִענט. סקאַנדאַליעז אַזאַ אָרדענונג!

ד״ר קלאָד

(צו שוואַרצבאַרדן) מעטר טאַרעס בייזערט זיך — דאָס איז אַ באַווייז, אַז ער האַלט אייער פּראָצעס פאַר געווונען. איבעריקנס, ווער ווייסט ווי עס וואָגן אַריינצופאַלן אין זיין לייבן־מויל. ביי אים פונקציאָנירן אויך שלעכט די נערוון־צענטערס, אָבער איך וועל אייך בעטן די שריפטלעכע אַרבעט צוצוגרייטן. אַדיע. (ד״ר קלאָד און מעטר טאַרעס מיידן זיך אויס אין דער טיר מיט קאַלטע באַגריסונגען).

טאַרעס

שוואַרצבאַרד, וואָס האָט געוואָלט פון אייך דער דאָזיקער הער?

שוואַרצבאַרד

ראַטעוועט, מעטר טאַרעס. זיי ווילן מיך מאַכן פאַר אַ משוגענעם!

טאַרעס

כאַ! אָט די באַנדע־עקספערטן פסיכיאַטערס? כ'האָב זיי אונטן געזען! כ'האָב פאַרשטאַנען! אָבער זיי וועלן נישט וואָגן! (שרייט, אַז ד״ר קלאָד זאָל דערהערן) זיי מעגן וויסן, אַז איך וועל זיי פאַרשוואַרצן, קאָמפּראָמיטירן, אויסגלייכן מיט דער ערד! אין שלאַכט איז ווי אין שלאַכט! אַלע מיטלען באַרעכטיקט! (שפּאַנט מיט גרויסע טריט אין דער לענג און ברייט פון קאַמער. עפּעס איז דאָ לייבישעס אין זיין שפּאַנען) און שוואַרצבאַרד, טייערער! ווייסט איר וועמענס איניציאַטיוו דאָס איז — אונדז צו מאַכן פאַר משוגע? זי שטאַמט, די איניציאַטיוו שטאַמט פון געוויסע קרייזן ביים גענעראַל־שטאַב. כאַ! אין זיינער צייט האָבן זיי געהאָלפן פעטלורען קעגן די באָלשעוויקעס און איינגעטונקט די הענט אין ייִדיש בלוט. איצט פּאַסט זיי נישט פאַרטיידיקן דעם כבוד פון אַ פּאָגראָמיסט — ווילן זיי כאָטש אייך משוגע מאַכן. אָבער לעכערלעך! כאַ! מיר וועלן נישט קיין שלימזלס! זיי פאַרגעסן, אַז מיט אונדז איז די וועלט! יאָ. די גאַנצע וועלט איז אויפגערודערט!

שוואַרצבאַרד

וועט שוין פאַרקומען אין גיכן דער פּראָצעס?

טאַרעס

יאָ! איך בין געקומען אייך אָנזאָגן די בשורה. מיר איז געלונגען ווידער אָפּצולייגן!

שוואַרצבאַרד

ווידער!!!

טאַרעס

איר זייט פאַרצווייפלט. אָבער, טייערינקער! איר נעמט עס

צו לייכט. מיר מוזן אַרויסטרעטן אין דער פולער באַוואָ־
פענונג. איך מוז נאָך ברענגען מאַטעריאַל פון אוקראַיִנע.
די עדות זענען צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט און
חוץ דעם, מוז מען אָפּוואַרטן די גינסטיקע מינוט. דאָס
איז סטראַטעגיע.

שוואַרצבאַרד

און דאָ איז אַ גרוב, אַ ליכטיקע, וואַרעמע גרוב מיט באַ־
קוועמלעכקייטן. צי ווייסט איר, מעטר טאָרעס, וואָס דאָס
הייסט: פאַרשפאַרן אַ ייִדישן יונגנמאַן אויף אַ לענגערע
צייט אויג אויף אויג מיט זיין געוויסן?

טאָרעס

וואָס טוט זיך מיט אייך? טייערער שוואַרצבאַרד! דאָס
האָט דער פסיכיאַטער אַזוי געווירקט? דער טייוול זאָל
נעמען!

שוואַרצבאַרד

אַך, מעטר טאָרעס! פאַר וואָס האָט מען מיך נישט גע־
שטעלט צום שטאַנד־געריכט אויף מאָרגן נאָכן מאָרד! קיין
פינטל מיטן אויג וואָלט איך נישט געטון. איך האָב
געוווּסט, פאַר וואָס איך טראָג די אחריות! כ׳האָב געוווּסט,
אַז עס לוינט צו טראָגן די אחריות! כ׳האָב דאָך געקאָנט
זיין אַ העלד. מעטר טאָרעס! אַ העלד, ווי עס פּאַסט פאַר
אַ סאָלדאַט פון פראַנצויזישן פרעמדן־לעגיאָן! האָט מען
מיך פאַרשפּאַרט אין דער וואַרעמער גרוב...

טאָרעס

און איר האָט זיך פּלוצלינג דערשראָקן?

שוואַרצבאַרד

שרעק? וואָס הייסט שרעק? כ׳האָב אַזוי פיל מאָל געזען
דעם טויט פאַר די אויגן, אַז דאָס, וואָס איר רופט אָן
שרעק — איז מיר נישט שרעקלעך. פאַראַן עפּעס ער־
גערס ווי שרעק. כ׳וואָלט געזאָגט שעמעוודיקייט, נישט
באַרופנקייט, כ׳ווייס נישט! דאָס געפיל פון אייגענער
קליינקייט און ווינציקייט. צו לאַנג זענען די נערוון גע־

שפּאַנט. דער העלד איז גאָר אַ צעקנייטשט ייִדל. אָן שטייפ־
קייט, אָן פאָרעם. העלדישקייט איז פאָרעם, מעטר טאָרעס!
איך האָב עס גוט נאָכגעטראַכט. אָט זענען ביכער, פון
טאָלסטוי, פון באַקונין. פאַרשטייט איך נישט אַ שטעל אין
זיי — דערזע איך דעם טויט פאַר די אויגן. דערזע איך
אַ געזאַמלטע שפּאָט־מאַסקע, וואָס איז — דוכט זיך —
ענלעך צו אַלע פּנימער פון דער וועלט. אָ־אָ! דו, חכם
איינער! דו האָסט זיך אונטערגענומען צו אורטיילן און צו
משפטן! דו ביסט דער באַרופענער! דו! פאַר וואָס נישט
ער? (נישטערט צווישן די ביכער און נעמט אַרויס אשר
שוואַרצמאַנס אַ דין ביכעלע). אָט, מעטר טאָרעס! איר זעט?
אַ ייִדיש ביכעלע פון דיכטער שוואַרצמאַן, שוין נאָך זיין
טויט אַרויסגעגעבן. ער האָט געקאָנט שרייבן, האָט ער
געקאָנט, כאָטש נישט איין מאָל געבראָכן די ציין איבער
דער פאָרעם. און לעבן האָט ער געקאָנט. און קעמפן. און
שטאַרבן צו דער צייט. ער האָט געוווּסט, ווו און ווען דעם
קאָפּ אָוועקצולייגן מיט אַלע גלייך אין די רייען, אָן איבע־
ריקן געטומל. ער האָט געוווּסט, ווי אומצוקומען אין דער
גרויסער רעוואָלוציע. קורץ איז געווען אונדזער באַגעגעניש.
איך האָב נישט פאַרשטאַנען צו גיין מיט אים האַנט ביי
האַנט. פאַר וואָס האָב איך זיך געפּרוּווט אויסטיילן? אויס־
צייכענען, אָפּשפּילן אַזאַ אומגעלומפּערטע סאָלאָ אין
יאָרן אַרום? וואָס בין איך? מער דיכטער פאַר אים? מער
דענקער, מער קעמפער? דאָס איז דאָך אַן איינרעדעניש!
ס׳איז גראַפאָמאַניע! ערגער נאָך! ס׳איז אַ מאַניע־גראַנד־
יאָזאָ! נו? נו, גיי דערצייל דאָס דעם פסיכיאַטער! אפשר
בין איך טאַקע משוגע!

טאָרעס

(צעשרייט זיך): שווייגט! ווי וואַגט איר!... מיר קאַליע
צו מאַכן די שפּיל! איר האָט געזאָגט אלף מוזט איר זאָגן
תו! און אין דעם אייגענעם טאָן. איר הערט? וואָס גייען
מיר אָן אייערע שטימונגען?! דעם פּראָצעס פיר איך! און
איר וועט שפּילן אַזוי, ווי איך רעזשיסיר!

שוואַרצבאַרד

אַז איך ווייס שוין נישט צוליב וואָס איך האָב דערהרגעט?

טאַרעס

אָבער איך ווייס! און איך וועל אייך דערמאָנען! שטיי איך נעבן אייך — האָב איך דערהרגעט צוזאַמען מיט אייך און איך טראָג די אחריות צוזאַמען מיט אייך. צי זעט איר נישט, אַז איך האָב אַלץ אין קאָן געשטעלט צוליב דעם דאָזיקן פּראָצעס! געשטעלט — ווי מען זאָגט אויף דער קאָרט. מיין קאָרט זענט איר — שוואַרצבאַרד. שוואַרצ־באַרד! טייערער שוואַרצבאַרד! צי האָט איר קיין מאָל נישט געשפּילט אין שמען־דע פער? אָבער אַזוי — יאָדערדיק?! כאַ! דאַן ווייסט איר נישט, וואָס איז אַזוינס אַ פּאַריזער פּראָצעס. דאָס איז האַזאַרד־שפּיל אין קאָלאָראַדאָ ערגעץ צי אין טעקסאַס. צי אין מיין היימישער קאַזאַ־בלאַנקאַ. אַ האַנט אויפן צינגל פון רעוואָלווער. דער בליק אויף די גנבהשע פינגער פון מיין קעגנער... כאַ! שוואַרצבאַרד טייערער! צי ווייסט איר ווער מיין קעגנער וועט זיין? — קאַמפּענקי! נישט פון די קליינע אַדוואָקאַטן. אַז איך בין דער לייב — איז ער די פּאַנטערע! זאָרגט נישט! עס וועלן פליען פוך און פעדערן! איך בין זיך מודה: כ׳האָב ליב האַזאַרד. (צעזינגט זיך, שפּרייזנדיק, פון „קאַרמען״ טאָ־רעאַדאָר, זיי העלדישער אין קאַמף...).

שוואַרצבאַרד

פאַר אייך איז עס אַפּערע, מעטר טאַרעס!

טאַרעס

ווער זאָגט עס? אָבער, וואָס אמת, טעאַטער איז עס. יאָ! איר — איר האָט דורכגעלעבט די גאַנצע טראַגעדיע און איר לעבט זי איצט אויך איבער. און איך — איך דאַרף זי דערפּילן און אָפּשפּילן! צום טיוול! איך דאַרף זי אָפּשפּילן פאַרן וועלטפּאָרום, אַז מענטשלעכע הערצער זאָלן פאַרציטערט ווערן! נעמט מיך נישט ערנסטער ווי קאַרוזאָ און שאַליאַפּינען. אָבער ווייסט! מיין אייבערשטע צע — איז מיין געוויסן! דערביי טאָר אָבער קיין איין עפּעקט

נישט פאַרלוירן גיין. אַלץ איז אַ שאַנס צו געווינען דעם געשווירענעם ריכטער און די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. און פון וועמען זיי באַשטייען אין פראַנקרייך און מיט וועלכע מיטלען זיי צו נעמען — דאָס לאָזט שוין איבער פאַר מיין קענטעניש!

שוואַרצבאַרד

און דערווילע דאַרף איך שפּילן אַ העלד!

טאַרעס

אַז איר זייט עס. — צי איר ווילט, צי איר ווילט נישט. איר זייט עס לויט אייער נאַטור. פּונקט ווי איך, למשל, בין אַ שרייער...

שוואַרצבאַרד

הם! אַ שיינע העלדישקייט! דערציילן — מעטר טאַרעס? דערציילן אייך פון מיין העלדישקייט? אָט — איך דער אַנאַרכיסט, דער פריידענקער, איך האָב דריי טעג געפּאַסט, איידער איך בין געגאַנגען אומברענגען דעם מענטשן, און דריי טעג האָב איך געפּאַסט נאָך דעם אַטענטאַט! גע־פּאַסט, ווי דער פרומסטער פאַנאַטיקער. און איך האָב דאָך געוווּסט, אַז דער מענטש איז ווערט דעם טויט! העל־דישקייט! ווען אַ וועלט זאָל זיך דערוויסן, מען וועט דאָך מיך אויסלאַכן!

טאַרעס

(נאָך אַ פאַרוווּנדערונג־פּויזע): איר האָט געפּאַסט? פאַר דעם און נאָך דעם?... מעגט איר עס אויסהערן! (כאַפּט אַרויס פון קעשענע אַ טעלעגראַמע און לעזט): מיר, די יתומים און אלמנות פון פּראָסקוראָוו, וועלכע געפינען זיך אין אַרגענטינע, גיבן איבער אונדזער האַרציקע ברכה דעם מעטר אַנרי טאַרעס, וועלכער האָט זיך געשטעלט צו פאַר־טיידיקן שלום שוואַרצבאַרדן — דעם נקמה־נעמער פאַרן אומשולדיקן בלוט, וואָס איז אַזוי אָן אַ מאָס פאַרגאָסן געוואָרן דורך פּעטלורעס חיילות אין די ייִדישע פּאָגראָמען אויף אוקראַיִנע! געבענטשט זאָל זיין די האַנט, וואָס האָט מיט בלוט אָפּגעוואַשן אונדזער חרפּה און דערני־

דערונג! (צו שלום שוואַרצבאַרדן): וואָס וויינט איר?

שוואַרצבאַרד

(ראַנגלענדיק זיך מיט טרערן): איך האָב נישט געוווּסט, אַז ס'איז אַזוי לייכט צו זיין אַ העלד ביי אַן אומגליקלעכן פאָלק...

(טאָרעס פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן און קערט זיך אָפּ).

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

דריטער אַקט

דאָס ערשטע בילד

אין פּאַלײ דע זשוסטיס. פון דער טיף אויף אַ פּאָדיום — דאָס פּרעזידיום פון געריכט. רעכטס פון צושויער — אויך אויף אַ פּאָדיום — שוואַרצבאַרד אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק צווישן צוויי פּאָליציאַנטן. נידעריקער פאַרן פּאָדיום — דער פּולפּיט פון מעטר אַנרי טאָרעס. לינקס פון צושויער: אויף אַ פּאָדיום, די לאָזשע פון פּראָקוראָר. נידעריקער — דער פּולפּיט פון מעטר קאַמפּענקי. הינטערן פּרעזידיום און העכער נאָך פאַר אים זיצן אין אַ רייע די געשווורענע ריכטער. נאָענט פון דער סצענע אויפן צושויער־זאַל, פון דער זייט, אויך אויף אַ פּאָדיום איז איינגעאָרדנט דער פּרעסע־טיש. אין דער ערשטער ריי פון צושויער־זאַל זענען פונאַנדערגעזעצט די אַנטייל־נעמער פון די אינטערמעדיומס. דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף שוין נאָכן לייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט און נאָך אַלע פּראָצעדור־פאָרמאַליטעטן.

פאָרזיצער פלאָרי

(צו שוואַרצבאַרדן): איר הייסט: סאָלאָמאָן שוואַרצבאַרד, געבוירן אין סעפּטעמבער 1886 אויף אוקראַיִנע. איצט — נאַטוראַליזירטער פראַנצויז. חתונה געהאַט אין 1914 אין פּאַריז. דעם זעלביקן יאָר אַריינגעטראָטן אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. פאַרווּנדעט אין 1916. פון 1917 — ביז 1919 — פאַרבראַכט אויף אוקראַיִנע. אין 1919, נאָכן צוריקקערן קיין פראַנקרייך, באַפרייט פון מיליטער. פּראָפעסיע — זייגערמאַכער. אַלע ידיעות וועגן אייך — זענען גינסטיק פאַר אייך. קיין מאָל נישט געמשפּט געוואָרן. מיט וואָס וועט איר דערקלערן אייער אויסטערלישע טאַט: דאָס דערמאָרדן סימאָן פּעטלוראַ — דעם געוועזענעם פירער פון דער אוקראַיִנישער אַרמיי. זאָגט אַלץ, וואָס איר געפינט פאַר נייטיק!

שוואַרצבאַרד

(שטעלט זיך אויף, בלאַס און געלאַסן): הערן ריכטער!

איך האָב דערהרגעט פּעטלורען, ווייל אַזוי האָט מיר דיק־טירט מיין נאַציאָנאַלע ווערדע. דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט פון מיינע שוועסטער און ברידער האָט געפאָדערט נקמה. (זעצט זיך).

פּראָקוראָר

פּעטלוראַ טראָגט נישט די אחריות פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט פון אייערע שוועסטער און ברידער. דאָס האָט באַשטעטיקט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען דער באַוווּסטער ייִדישער פּובליציסט, וולאַדימיר זשאַ־באָטינסקי.

טאָרעס

דער פּראָקוראָר האָט שלעכט פאַרשטאַנען זשאַבאָטינסקין. אָט זענען ציטאָטן פון זיינעם אַ צווייטן אַרטיקל ווו דער געערטער פּובליציסט פאַראורטיילט פּעטלורען.

קאָמפּענקי

מיר פאַרטרעטן דעם שטאַנדפּונקט פון פּראָקוראָר און מיר שטעלן פעסט, אַז דער צווייטער אַרטיקל פון געערטן פּו־בליציסט איז אין ווידערשפּרוך צום ערשטן.

פּראָקוראָר

אין דער געשיכטע פון מאָרד איז איין זאַך נישט קלאָר: פאַר וואָס האָט שוואַרצבאַרד אַזוי לאַנג געוואַרט? פאַר וואָס האָט ער נישט אויסגעפירט דעם מאָרד, בעת פּעט־לוראַ איז געווען אין פּוילן?

טאָרעס

די מערקווערדיקע פראַגע פון פּראָקוראָר וואָלט איך וועלן בעסער פאַרשטיין. הער פּראָקוראָר! צי מאַכט איר ווירק־לעך שוואַרצבאַרדן אַ פאַרוואורף, אַז ער האָט צו שפּעט דערמאָרדעט, ווייל פּעטלוראַ איז נאָך פריִער ווערט געווען דעם טויט? אָדער אייער פאַרוואורף, הער פּראָקוראָר, באַ־שטייט נעמלעך אין דעם, וואָס שוואַרצבאַרד האָט שפּעקו־לירט אויף דער ווייכהאַרציקייט פון די פראַנצויזישע גע־שווירענע ריכטער? אָבער מיינע הערן! אַ געריכט פון געשווירענע אין דער שווייץ האָט באַפרייט דעם מערדער

פון גוזאַנדטן וואָראָווסקי. אַ געריכט פון געשווירענע אין דייטשלאַנד — האָט אַזוי געהאַנדלט בנוגע דעם מערדער פון טאַלאַט פּאַשאַ. פאַר וואָס האָט שוואַרצבאַרד געדאַרפט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז דער פראַנצויזישער געשווירע־נער ריכטער וועט זיין גרויזאַמער פאַרן דייטש, אָדער פאַרן שווייצאַר?

(דער זאָל פּרווּוט באַשענקען טאָרעסן מיט אַפּלאָדיסמענטן. פאָרזיצער קלינגט).

קאָמפּענקי

איך וויל נאָך פרעגן, צי האָט דער אָנגעקלאָגטער טאָקע געוואָלט דערשיסן פּעטלורען צום טויט?

שוואַרצבאַרד

יאָ.

קאָמפּענקי

איך לויב אייך פאַר אייער מוט זיך מודה צו זיין אין דעם איצטיקן פאַרברעך. פאַר וואָס אָבער האָט איר זיך אויסבאַהאַלטן אונטער אַ פרעמדן נאָמען, בעת איר זייט צוליב פאַרשיידענע פאַרברעכנס אַנטלאָפן פון רוסלאַנד?

שוואַרצבאַרד

מיין איינציקער פאַרברעך איז געווען מיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. מען האָט ביי מיר געפונען מאַקס שטירנערס „דער איינציקער און זיין אייגנטום".

קאָמפּענקי

אַהאַ! זייט איר אַן אַנאַרכיסט?

שוואַרצבאַרד

יאָ.

טאָרעס

איר, קאָלעגע קאָמפּענקי, האָט דאָך יאָ געמעגט וויסן, אַז מען דערמאָנט נישט די פאַרברעכנס פון אַ באַשולדיקטן, וועלכער איז אַמנעסטירט געוואָרן?

קאָמפּענקי

וועלכע אַמנעסטיע?

טאָרעס

אָוודאי איז שוואַרצבאַרד אַמנעסטירט געוואָרן! ער האָט זיך דערוואָרבן די אַמנעסטיע דורך זיין בלוט, וועלכע ער האָט פאַרגאָסן פאַר פראַנקרייך! (עס רייסט זיך אַרויס אַ בראַוואָ).

קאַמפּענקי

איך האָב נאָר געוואָלט דערמאָנען, ער זאָל זיך נישט האַלטן פאַר קיין פאָלקסהעלד. אַזוי טוט נישט קיין פאָלקסהעלד: שיסן אין אַ געפאַלענעם, ווען יענער ליגט שוין אין אַ טייך בלוט און בעט זיך: אַסעי! אַסעי!

טאָרעס

נישט מעגלעך אַן אוקראַינער זאָל פאַרן טויט געדענקען צו בעטן זיך: אַסעי! אַסעי!

שוואַרצבאַרד

פעטלוראַ איז געפאַלן און גאָרנישט געזאָגט.

פלאָרי

עדות אינזשעניר קאָסטאַ.

(צום אָנלען פאַר עדות שטעלט זיך מיטן פנים צום פּראָקוראָר דער אינזשעניר קאָסטאַ — א קאָמישער מאַטעמאַטיקער. האַלב אין דער שטיל מאַכט ער דורך מיטן פאָרזיצער די פּראָצעדור פון דער שבועה). דערציילט וואָס איר ווייסט וועגן מאָרד.

קאָסטאַ

דאָס איז זיך אייגנטלעך אַזוי פאַרלאָפן: איך דאַרף מיט איינצלהייטן?

פלאָרי

איר קאָנט מיט איינצלהייטן.

קאָסטאַ

איז דאָס אייגנטלעך אַזוי פאַרלאָפן: ראָג פון ראַסין און סען־מישעל האָב איך געדונגען אַ טעקסי. די טעקסי איז געווען אַזאַ... גרינע, אַריינגעפאַלן אין אַ בלויקייט. נומער 897, 130, סעריע צע. בע. יאָ שטימט, ס׳איז געווען אומגעפער אַ פופצן — צוואַנציק טריט פון רעסטאָראַן „שאַרטיע". און אַ דרייסיק טריט פון ראָג. יאָ שטימט! צו

וואָס האָב איך גענומען אַ טעקסי? ווייל איך בין געווען שטאַרק הונגעריק. איך בין מיך נוהג נישט צו לאָזן איבערחלשן דאָס האַרץ און פאָרן אַ היים אויף מיטאָג. יאָ. האָב איך דערהערט שאָסן. האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אַז מען שיסט. מילאַ־שיסט, וואָס אַרט עס מיך? צייל איך: צוויי, דריי, פיר פינף שאָסן. און ציילנדיק טראַכט איך: ווי ביטער ס׳איז נעבעך דעם מענטש, וואָס מ׳האָט אין אים אַריינגעשאָסן! אַריבערגיין די גאַס קאָן איך נישט, די טעקסי פאַרשטעלט און סע ציט מיך ביים האַרץ: ס׳טייטש! כ׳וועל פאַרשפּעטיקן אויף מיטאָג. טראַכט איך אַזוי: די באַוועגונג איז אַן אומגעהייערע! אַ מענטש קאָן דערשאָסן ווערן אין מיטן לויפן און אַליין נישט וויסן, אַז ער איז שוין טויט! און ווי איך טראַכט מיר אַזוי — רירט שוין די טעקסי, דערזע איך: איין מאַן וואַקלט זיך אויף די פיס. פאַרשטעלט זיך דאָס פנים מיט זיינע הענט. דער אַנדערער צילט אין אים פון אַ רעוואָלווער. דאָס איז דער זעלביקער, איך דערקען אים. ער איז דאַן געווען אין אַ העלן מאַנטל מיט דריי קנעפּלעך. אויף די אַרבל צו איין קנעפּל מיט אַ ספּראַנזשקע. איר שמייכלט פון איינצלהייטן? אַז איך געדענק בלויז מיט די אויגן און דאָס וואָס האָט ליניעס: איך בין — אַרכיטעקט. יאָ, דערנאָך האָט ער גענומען פאַלן. רעכטס, נייך לינקס. נייך טאַקע רעכטס איז ער געפאַלן. פון דער רעכטער שלייף איז אים אַ שפּריץ געטון. יאָ. שטימט. איך האָב מער גאָר נישט געזען. איך בין אַוועקגעפאָרן.

פלאָרי

דאַנק! עדות פּראָפעסאָר שמידט! (קאָסטאַ אָפּ. שמידט — אַן אַלטער פוריטאַנער קומט. קורצע סימבאָלישע פּראָצעדור פון דער שבועה).

שמידט

איך בין געגאַנגען דורך סען־מישעל, נאָענט צו ראַסין. ס׳איז טאַקע דורכגעלאָפן אַן אויטאָ. פיר שאָסן האָב איך דערהערט. באַלד אַ פינפטן. אַ הויכער מאַן איז אומגע־

פאַלן. אַ צווייטער איז געשטאַנען איבער אים מיט אַ רעוואָלווער. איך בין צוגעלאָפן און אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט — וואָס טוסטו? — דערהרגעט אַ מערדער! האָט ער אויסגעשטאַמלט! — ביסט אַליין אַ מערדער! אָבער הערן געשווירענע! גלויבט מיר, איך בין אַ פיזיאָנאָמיסט. איך האָב אָנגעקוקט דעם מערדערס פנים און געבליבן ווי געליימט. אַזוי זעט אויס אַ מערדער? אַ פנים פון אַ טרוימער, אַ פנים פון אַ רעכטמאַנער און איינגעטונקט אין טיפן מענטשלעכן צער! איך וועל דעם אויסדרוק נישט פאַרגעסן! איך האָב שוין מער נישט געזאָגט: מערדער!... הערן געשווירענע! מיר זענען געווען אין קריג. און אויך אין געפאַנגענשאַפט. פיל קאָמענדאַנטן האָבן אונדז אָנגעטון שווערע עינויים. מיינט איר — מיר וואָלטן בעסער געווען, ווען מיר טרעפן זיי? איך האָב געענדיקט.

פלאָרי

דאַנק! עדות — פרוי שוואַרצבאַרד! (שמידט אָפּ. חנה גענענט. באַוועגונג אין זאַל. זי גענענט מיט וואַקלדיקע טריט. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, זי פאַרבלייבט שטיין פאַרן טריבונאַל אַ שוואַכע און אַ שולדיקע. פאַרנויגט זיך טיף, און שוויַגט, זיך ראַנגלענדיק מיט די טרערן).

פלאָרי

(באַראַט זיך שטיל מיט די בייזיצנדע). אויב די צדדים וועלן פאַרציכטן, וואָלט דאָס געריכט זיך אָפּגעזאָגט פון אויספרעגן פרוי שוואַרצבאַרד שוינענדיק אירע באַזונדערע געפילן.

טאָרעס און קאַמפּענקי

(שטייען אויף גלייכצייטיק און פאַרנויגן זיך) מיר פאַרציכטן!

פלאָרי

מאַדאַם שוואַרצבאַרד: מיר דאַנקען. איר זייט פריי. (חנה גייט צוריק. פונקט אַזוי טראַגיש, ווי געקומען). עדות נעסטאָרענקאָ! (נעסטאָרענקאָ, אַ יונגער, קרעפּטיקער אוקראַי־

נער, פּראָצעדור פון דער שבועה). וואָס קאָנט איר אונדז דערציילן וועגן מאָרד!

נעסטאָרענקאָ

וועגן מאָרד קאָן איך גאָרנישט זאָגן. איך קאָן נאָר דערציילן וועגן פּעטלוראָ אויף אוקראַינע. פּעטלוראָ האָט געהאָט אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו די פּאָגראָמען. דאָס ווייס איך גענוי! איך בין דאַן געווען וויצע־פאָרזיצער פון קריגסראַט אין פּראָסקוראָוו.

טאָרעס

ווי אַלט זייט איר, מיין הער?

נעסטאָרענקאָ

24 יאָר.

טאָרעס

זייט איר — הייסט עס — דאַן אַלט געווען זיבעצן, וואָרעם דאָס איז שוין אַ געשיכטע פון זיבן יאָר. איך בין באמת גליקלעך נאָך אַזאַ לאַנגער הפסקה צו זען אַזאַ וויכטיקע פּערזאָן, ווי דעם וויצע־פאָרזיצער פון קריגסראַט אין פּראָסקוראָוו. פּראָסקוראָוו! אַ וויפל שטאַרקע דערינערונגען, הער וויצע! אין 1919, אין פעברואַר האָט מען דאָרט אומגעבראַכט 1.600 יידן! מענער, פרויען און קליינע קינדער. איצט שטייט פאַר אונדז אַ מיטגליד פון קריגסראַט פון יענער שטאָט! ער וועט דאָך געוויס אונדז זאָגן ווער פון די שולדיקע אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן מאַסנמאָרד איז באַשטראָפט געוואָרן? ווער פון די גענעראַלן, אָפיצירן, סאָלדאַטן זענען צעשאָסן געוואָרן ווי די הינט פאַר זייער אוממענטשלעך פאַרברעכן. ווער? הער וויצע־פאָרזיצער?

(נעסטאָרענקאָ שווייגט)

פלאָרי

האָט עקסיסטירט אַ מיליטער־געריכט אין פּראָסקוראָוו?

נעסטאָרענקאָ

יאָ.

טאָרעס

וויפל פּראָצעסן זענען דאָרט פאָרגעקומען?

נעסטאָרענקאָ

מען האָט געמישפּט 28 ייִדן פאַר נישט פאָלגן די באַפעלן פון מיליטער.

פלאָרי

און קיינעם פון די פּאָגראָם־העלדן נישט געמישפּט?

(נעסטאָרענקאָ שווייגט).

טאָרעס

מעטר קאַמפּענקי! אפשר זייט איר אַ מייסטער אַרויסצו־באַקומען די נייטיקע דערקלערונגען פון אייער עדות.

קאַמפּענקי

האָט פּעטלוראָ געקעמפּט קעגן די פּאָגראָמען?

נעסטאָרענקאָ

ער האָט געקעמפּט, אויף וויפל דאָס איז אין יענער צייט און ביי יענער שטימונג געווען מעגלעך!

פלאָרי

אַ דאַנק! האָט קיינער מער קיין פראַגעס צו שטעלן דעם עדות?

קאַמפּענקי

איר, מעטר טאָרעס רעדט בלויז וועגן ייִדישע קרבנות. גלייך ווי אין דער זעלביקער צייט וואָלטן גאָרנישט גע־פאַלן אין קאַמף טויזנטער אוקראַיִנער! די גאַנצע ייִדישע עפנטלעכקייט האָט איר מאָביליזירט, כדי צו דערווייזן, אַז בלויז ייִדן האָבן געליטן!

טאָרעס

ווען האָב איך מאָביליזירט, כ'האָב מיך אַליין מאָביליזירט. איך האָב נישט בדעה אַרויסצונעמען דעם פאַל פראָסקוראָוו. 1.600 אויסדערוויילן פון אַ פערטל מיליאָן ייִדישע קרבנות! אָבער פאַרשטייט דאָך, הערן געשווירענע! ווען איך האָב דאָס גליק צו זען פאַר זיך אַזאַ וויכטיקע פּערזאָן ווי אַ מיטגליד פון קריגסראַט — פאַרשטייט זשע מיך ווילן צו באַקומען די ריכטי־קע תשובה! איך מאַך דאָך נישט פאַראַנטוואָרטלעך פּעטלורען פאַר דעניקינס פּאָגראָמען; אָבער פאַר אַ קריגסראָט פון

17־עריקע ייִנגלעך, וועלכע גיבן אונדז אין רעזולטאָט פון זייער קורצער תקופה 250.000 ייִדישע קרבנות — ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך? זעט מיינע הערן! דאָס איז דער רעזולטאַט פון זייער פּאַטריאָטישער אַרבעט! (ער דערהויבט אַ שווערן באַנד). דאָס איז נישט קיין בעלעטריסטישע באַ־שרייבונג! בלויז אַ טרוקענע רשימה פון שטעט און פון דער צאָל קרבנות פאַר פּעטלורעס הערשאַפט!

קאַמפּענקי

דאַן זאָל מיר דערלויבט זיין פאָרשטעלן פאַר די געשוווי־רענע ריכטער אַט דעם פּאַק פראָקלאַמאַציעס, וועלכע פּעטלוראָ האָט אַרויסגעגעבן קעגן די פּאָגראָמען!

טאָרעס

מיט פּאַפּירענע פּראָקלאַמאַציעס קעמפט מען נישט קעגן אַ בלוטיקן שטראָם! ווייזט מיר, וועלכע סאַנקציעס ער האָט אָנגענומען קעגן די מערדער! איך האָב שוין מורא צו שטעלן דעם עדות אַזעלכע פראַגעס. עס וועט זיך אַרויס־ווייזן, אַז נאָך יעדער בלוטיקער שחיטה — האָט מען — אין רעזולטאַט פון אויספאָרשונג — ווידער באַשטראָפט ייִדן פאַר נישט פאָלגן דעם באַפעל! איר האָט דאָך גע־הערט! איך דאַנק. איך האָב דעם עדות מער גאָרנישט צו פרעגן!

פלאָרי

(צום עדות) איר זייט פריי! (נעסטאָרענקאָ אָפּ). דאָס געריכט האָט באַקומען צוגעשיקט אַ בריוו פון קאָלאָנעל בודאָקאָוו־בודענקאָ. צי איז געווונטשן דעם טריבונאַל אויס־צוהערן די שריפטלעכע דערקלערונגען?

טאָרעס

אויב מיר זאָלן לייענען די בריוו פון אַלע אויסוואורפן, וועלן מיר קיין מאָל נישט ענדיקן.

פּראָקוראָר

איך האַלט, אַז דער אויסדרוק פון מעטר טאָרעס וועגן די שריפטלעכע דערקלערונגען איז צו שאַרף.

טאָרעס

דאַן זאָל מען לעזן בודאָקאָווס בריוו. איצט בעט איך וועגן דעם.

פלאָרי

(לעזט): אוקראַיִנישער קאָלאָנעל בודאָקאָוו שרייבט: איך בין געווען אין פּראָסקוראָוו. דאָרט זענען אָרגאַניזירט געוואָרן באָלשעוויסטישע בונטן. די בונטן האָבן געמוזט דערשטיקט ווערן. מען האָט געהרגעט קאָמוניסטן און יענע ייִדן, ביי וועלכע די קאָמוניסטן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און אַזוי ווי ס'איז נישט געווען קיין ייִדישע שטוב, וואָס האָט נישט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ קאָמוניסט — האָט די קריסטלעכע באַפעלקערונג געמאַכט אַן אַלגעמיינעם פּאָגראָם. סטיכיש: לויט אַ געטלעכן ווילן איז אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם און מען קאָן דאָ קיינעם נישט באַשולדיקן.

טאָרעס

הייסט עס: אַ פּאָגראָם איז געווען. דאָס איז דער קאָלאָנעל אַליין מודה! איצט לאָמיר איבערגיין צו דער סיבה. דער קאָלאָנעל פּאָררופט זיך אויפן געטלעכן ווילן. מיינע הערן! אָט האָט איר אַ רשימה פון 877 נעמען, וועלכע מיר איז געלונגען פעסטצושטעלן פון צווישן די 1.600 אומגעבראַכטע מענער, פרויען, זקנים און קינדער אין פּראָסקוראָוו. זיי אַלע זענען געשאָכטן געוואָרן לויטן געטלעכן ווילן. איך בין אַ פרײַדענקער, מיינע הערן! אָבער אַזאַ פּראָפּאָגאַציע, אַזאַ גאָט־לעסטערונג קאָן אויך מיין פרײַדענקעריש אויער נישט פאַרטראָגן! אָט פאַר וואָס איך בין אַ קעגנער פון לייענען בריוו פון יעדן אויסוווּרף!

קאָמפּענקי

מעטר טאָרעס מאַכט אַ צו גרויסן ווען פון אַ שלעכט סטיליזירטן בריוו. יעדע נאַטור־קאַטאַסטראָפע, פון וועלכער עס לײַדן טויזנטער אומשולדיקע, קאָן מען דערקלערן מיטן געטלעכן ווילן, און קיינער וועט דאָ נישט זען קיין לעסטערונג.

פלאָרי

מיר בעטן דעם עקספּערט פּראָפעסאָר לאַנזשעווען!

(אַ באַוועגונג אין זאַל. לאַנזשעווען — אַ מאַיעסטעטישער אַלטער מאַן מיט אַ געשוירן ווײַס בערדל און דיקע ווײַסע וואָנצעס גענענט מיט שטילער ווערדע צום עדות־אָנלען).

לאַנזשעווען

(אַ האַנט אויפן האַרצן): איך שווער אויף מיין געוויסן צו האַלטן זיך אָן אמת! הערן געשוווירענע! איך וויל דאָ אַרויסזאָגן מיין מיינונג וועגן די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, וועלכע האָבן באַוויגן דעם באַשולדיקטן צו זיין טאָט. עס איז פאַר מיר קיין צווייפל נישט, אַז אין פּראָסקוראָוו — צום בײַשפּיל — האָט דער אַטאַמאַן סעמאָסענקאָ אויפגעפאָדערט זיינע קאָזאַקן צום אָרגאַניזירטן פּאָגראָם. עס איז באַוווּסט, אַז ער האָט עס געמאַכט דורך אַ פייערלעכער רעדע אויף אַ באַנקעט. ער האָט אַפילו גענומען ביים מיליטער אַ ריטערלעכע שבועה נישט צו רויבן, נאָר צו מאָרדן. הערן ריכטער! דאָס איז פאָרגעקומען נישט אין עלפטן, נאָר אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט! אַזעלכע פאַרברעכנס וואָלטן געדאַרפט אייגנטלעך, באַשטראָפט ווערן דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיקייט, דורכן געוויסן פון דער וועלט! דורך אַ וועלט־טריבונאַל! שוואַרצבאַרד האָט געוואַרט אויף דער שטים פון דער דאָזיקער גערעכטיקייט, און — זיך נישט דערוואַרט. מיינע הערן, באַדענקט נאָר! די געמיינדע און דער שטאָט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך דעם בירגער פאַר זיין אייגן געוויסן. אין נאָמען פון אונדזער געוויסן, שווערן מיר פאַרן שטאָט איז מיליטער. שווערן מיר פאַרן געריכט. דער שטאָט באַשטייט פון געמיינדעס. די וועלט באַשטייט פון שטאָטן. און אָט די וועלט — ווייזט זיך אַרויס — האָט גאָר קיין געוויסן נישט! און ווען שוואַרצבאַרדן איז עס קלאָר געוואָרן — האָט געמוזט קומען דער טאָג, ווען ער האָט אַליין פאַרטראָטן די גערעכטיקייט, די פעלנדיקע גערעכטיקייט פון

דער וועלט: ער האָט אויסגעפירט אַן אורטייל, נישט קיין אַטענטאַט!

קאַמפּענקי

אונדזער טיפסטע אַכטונג פאַר פראַנקרייכס געלערנטן!
אָבער ווי האָט איר, פּראָפעסאָר, געשעפּט אייערע מאַ־טעריאַלן?

לאַנזשעווען

דורך דער „ליגע פון מענטשן־רעכט". דורך אירע אוממיטל־באַרע קוועלן.

קאַמפּענקי

די ליגע שטיצט זיך אָבער אויף איינזייטיקע מאַטעריאַלן. אַזאַ וויסנשאַפטסמאַן ווי פּראָפעסאָר לאַנזשעווען האָט גע־דאַרפט גוט נאָכקאָנטראָלירן די באַשולדיקונג קעגן פּעטלורען.

לאַנזשעווען

האָב איך נאָכקאָנטראָלירט, און איך באַשולדיק טאַקע. איינער פון די גרעסטע פּאָגראָמיסטן, סעמאָסענקאָ, באַקומט נאָך דער בלוטיקער עפּאָפּייע — אַן אויסצייכענונג.

קאַמפּענקי

מען האָט דאָך אים באַשטראָפט מיטן טויט!

טאָרעס

ווער זאָגט עס? מען האָט אים אין אַן עקסטראַ־וואַגאָן, אין באַגלייטונג פון פּלעגערינס, אַרויסגעשיקט אויף ער־האָלונג.

קאַמפּענקי

איך וועל ברענגען עדות וועגן פּעטלורעס אַ באַפעל, אים צו דערשיסן.

טאָרעס

ווייזט אַהער דעם באַפעל!

קאַמפּענקי

איך האָב אַן עדות פון פּעטלורעס אַ מינדלעכן באַפעל!

טאָרעס

מעטר קאַמפּענקי! ווילט איר, אַז פּראָפעסאָר לאַנזשעווען

זאָל קענען פּעטלורעס מינדלעכע באַפעלן? (אַ פּ ל ו י ז — פאַרזיצער קלינגט).

קאַמפּענקי

האַלט איר, הער פּראָפעסאָר, אַז אַן אַרמיי־פירער איז פאַראַנטוואָרטלעך ביז נקמה צו נעמען אין אים, ערשט אין 7 יאָר אַרום?

שוואַרצבאַרד

פראַנקרייך האָט געוואַרט 44 יאָר ביז עס האָט נקמה גענומען פאַר עלזאַס־לאָטרינגען... (בייפאַל אין זאַל).

קאַמפּענקי

הער פּראָפעסאָר. וואָס וועט זיין, ווען אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטן וועלן אָנהייבן מאָרדן?!

לאַנזשעווען

ווען ס׳זאָל זיין אַן אָרגאַניזירטע אינטערנאַציאָנאַלע גע־רעכטיקייט וואָלט נישט געקומען צו דעם! הערן גע־שווירענע! אָט דאָס זענען די לײַדן פון שוואַרצבאַרדן. ער האָט געליטן אַליין און געטיילט די לײַדן פון זיין פאָלק. אין דעם מיליטער־פירער פּעטלוראַ האָט ער געזען דעם הויפּט־שולדיקן אין ייִדישן פאָלקס־אומגליק. ער האָט אַליין געמישפּט און אַליין געשטראָפט.

פלאָרי

(שטייט אויף): מיר דאַנקען אייך, פּראָפעסאָר, פאַר דעם גלענצנדיקן דערפילן אייער בירגערלעכע פליכט. (אַלע שטייען אויף פון די ערטער, ווען לאַנזשעווען גייט פאַרביי צוריק צו זיין פּלאַץ).

קאַמפּענקי

(וויל אָפּשוואַכן דעם איינדרוק, לויפט מיט אַן אָפן בוך צו די געשווירענע): אָבער, הערן געשווירענע! אָט וועל איך אייך דערווייזן, אַז פּעטלוראַ איז געפאַלן אַן אומשול־דיקער קרבן! פּעטלוראַ האָט געשטראָפט פאַר פּאָגראָמען! אָט איז אַן אויסצוג פון דעם באַריכט פון אַ ייִדישער דע־לעגאַציע, ווו עס רעדט זיך וועגן באַפעל צו אַרעסטירן פּאַליענקאָ, דעם פּאָגראָם־העלד פון זשיטאָמיר!

טאַרעס

(לויפט אויך מיט פונקט אַזאַ בוך צו די געשווירענע).

אָבער אין דער ווייטערדיקער טייל פון זעלביקן באַריכט, ווערט דערציילט, אַז דער זעלביקער פּאַליענקאַ איז געוואָרן גלאָריפיצירט, אַנשטאָט באַשטראָפט צו ווערן! מעטר קאַמפּענקי האָט דעם דאָזיקן טייל פון אייך פאַרבאָרגן!

קאַמפּענקי

ווער האָט פאַרבאָרגן? איר רעכנט זיך נישט מיט די ווערטער!

טאַרעס

און איר מיטן אמת!

קאַמפּענקי

שעמט אייך! איר האַנדלט נישט ווי קיין סאָציאַליסט!

טאַרעס

איך פאַרוועהר אייך זיך אַריינצומישן אין מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען!

פלאָרי

(טוט איילִיק אויס דאָס מיצל): איך דערקלער אַן איבעררייס!

(פינצטער אויף דער בינע. ליכט אין צושויער־זאַל. אין די פאָדערשטע רייען אַן אויפרודערונג).

ערשטער ייִד

(צו זיין שכן): וואָס דרייט ער אַ מוח אייער קאַמפּענקי! בעתן פּאָגראָם אין פּראָסקוראָוו האָבן ייִדישע רבנים זיך געווענדעט צו פּעטלורען.. האָט ער זיי נישט אויפגענומען. געהייסן ענטפערן: צעקריגט מיך נישט מיט מיין אַרמיי!

ערשטער אוקראַינער

און מאַרגאַלין? פאַר וואָס האַלט אייער מאַרגאַלין שטאַל און אייזן פאַר פּעטלורען! און דער געוועזענער מיניסטער קראַסני? דאָס זענען דאָך אַלץ גרויסע ייִדן!

ערשטער ייִד

אַז איך דאַנק אייך! אַז איך קאָן זיי אייך אָוועקשענקען! מיר דאַרפן נישט אַזעלכע גרויסע ייִדן!

צווייטער אוקראַינער

און אַז ייִדן זענען באָלשעוויקעס — צווייפלט איר אין דעם? האָט איר אַ פאַקט: בעת מיר זענען אָפּגעטראָטן פון קיִעוו האָבן מיר אויפן פּאָדאָל זיך אַנגעשטויסן אויף אַ ייִדישער אָפּטיילונג אין אַ קעלער. דריי זענען געווען מיט אָט אַזעלכע לאַנגע בערד! פרעג איך זיי: — פאַר וואָס פאַרפּאַלגט איר אונדז? — ווייל מיר ווילן אייך אויסראָטן — האָבן זיי געענטפערט. נו? באַדאַרף מען בעסער? איך האָב עס דערציילט אייער מיניסטער רעוווצקי, האָט ער געפרעגט, צי די ייִדן מיט די בערד האָבן געהאַט געווער אין קעלער. — דאָס האָט נאָך געפעלט! געווער — זאָג איך — האָבן מ י ר געהאַט. און, האַנקען גאָט! געוווּסט ווי צו מאַכן אַ געברויכס. (ייִד אַנטלויפט, אוקראַיִנער לאַכט).

רעדאַקטאָר

(ביים פּרעסע־טיש צו זיין סעקרעטאַר): געדענקט זשע! דאָס גרויסע קעפּל אין דער הייך: מיר האָבן געזיגט! טאַרעסעס רעדעס האָבן אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם געוויין! מען זאָגט, אַז דער אַדוואָקאַט פון דער ציוויל־מאַנונג, מעטר קאַמפּענקי, האָט באַקומען צוגעשיקט אַ מיליאָן פון געהיימע קוועלן פון טשעכאָסלאָוואַקיי!

דאַמע

אָט איז מאַדאַם פּעטלוראַ!

הער

ווו איז מאַדאַם פּעטלוראַ?

(אַ האַלבער זאַל זוכט מיט די אויגן מאַדאַם פּעטלוראַ)

הער

ניין, מאַדאַם! די דאַמע קאָן איך! דאָס איז די פרוי פון מעטר טאַרעס.

דאַמע

אַך! איז ער שוין אַ באַווייבטער?

הער

נאָך נישט צייט, מאַדאַם? כ׳האָב געהערט, אַז ער

האָט שוין אַן אייניקל!
(ליכט אויף דער בינע. פינצטער אין זאַל. די ריכטער
און אויך שוואַרצבאַרד אין מער אָנגעשטרענגטע פּאָזעס.
ביים עדות־אָנלען האַלט שוין אין ריידן דער עדות שולגין.
דינע, שוואַרצע וואָנצעלעך, איינגעפאַלענע אויגן, אַ שאַר־
פער נאָז).

שולגין

...איך דערקלער דעריבער קאַטעגאָריש, אַז שוואַרצ־
באַרד האָט אָנגעגעבן פאַלשע מאָטיוון פון זיין מאָרד.
נישט קיין נקמה־נעמער איז ער! אַ שליח פון די באָל־
שעוויקעס, אַן אַגענט פון טשע־קאָ איז ער. אַ יודאַש מיט
אַ מעסער — פון פאַרבאָרגעניש! אויב ביי אימעצן איז
נאָך פאַראַן דער מינדסטער חשד אויף פעטלורען, וועל
איך, זיין ג ע וו ע ז ע נ ע ר מ י נ י ס ט ע ר און פריינד,
אויפקלערן דעם טעות. אויב עס האַנדלט זיך וועגן
דעם, צי זענען געווען ביי אונדז פּאָגראָמען — באַשטעטיק
איך מיט ווייטאָג: יאָ. געווען. עס איז אָבער געווען אַן
אַלגעמיינער פּאָגראָם פון גאַנצן לאַנד! די באָלשעוויקעס
האָבן פּאָגראָמירט אוקראַיִנע! זאָל די וועלט אויך פון
דעם וויסן! איך פאַרשטיי די ייִדן, וועלכע קלאָגן אויף
זייער חורבן. מיין האַרץ איז מיט זיי! אָבער צי דען זענען
מיר אַליין נישט חרוב געוואָרן? האָבן דען די באָלשע־
וויקעס נישט פאַרניכטעט אונדזער לאַנד? הערשט דען
נישט אַ הונגער אויף אוקראַיִנע — אין דעם פרוכט־
באַרסטן לאַנד פון דער וועלט? מאָסקווע האָט אונדז
א ו י ס ג ע ר ו י ב ט און נאָך אָנגעזעצט פול מענטשן אויף
אונדזער קאַרק, אויפצועסן דעם לעצטן ביסן. ווי אַזוי
זענען מיר מיטן לעבן אַרויס? נישט בעסער פון די
ייִדן. איך פאַרזיכער אייך! מיין אייגענעם ברודער האָט
מען דערהרגעט! מיך פאָטער — אַן אַלטן שטילן מאַן,
גאָרנישט קיין פּאָליטיקער — אים אויך. גאַנץ אוקראַיִנע
איז געוואָרן איין בית־עולם. נישטאָ נאָך די פעדער,
וועלכע זאָל אָפּמאָלן אָט־די טרויעריקע עפּאָפּייע. אָט

מיינע הערן, ביי וועלכע אומשטאַנדן עס זענען פאָרגע־
קומען אויך די ייִדישע פּאָגראָמען! איך בין דאַן געווען
מיניסטער. ווינישעטשנקאָ — שעף פון דער רעגירונג.
פעטלוראָ — קריגס־מיניסטער. מיר האָבן געקעמפט קעגן
די פּאָגראָמען. מיר האָבן דערקלערט, אַז זיי באַשמוצן
דעם נאָמען פון אוקראַיִנע, אַז זיי זענען אַן אומגליק אויף
אונדזערע קעפּ. די ייִדן, וועלכע קענען מיך און מישן
מיך נישט צוזאַמען מיטן באַרימטן ייִדן־פרעסער שולגין
— זיי וועלן מודה זיין, אַז איך האָב דאָס געטון אין פולן
הסכם מיט מיין געוויסן. עס קומט מיר דערפאַר קיין
דאַנק נישט. וואָס ווילט איר? מיר זענען געווען די
וועלכע האָבן געשאַפן די ייִדישע אויטאָנאָמיע — די
ערשטע ייִדישע אויטאָנאָמיע אויף דער וועלט. אָבער די
באָלשעוויקעס האָבן פאַרוואַנדלט אונדזער לאַנד אין
אַ גיהנום. קעגן די פּאָגראָמען איז געוואָרן אַלץ שווערער
צו קעמפן. אין דער אַרמיי האָט זיך אַריינגעריסן אַ באַנ־
דיטישער עלעמענט. די באָלשעוויקעס האָבן ארויסגע־
שטעלט ייִדישע רעגימענטן. די קאָנסערוואַטיווע האָבן
דערזען אין יעדן ייִדן אַ באָלשעוויק און — גענומען
שלאָגן. די ייִדן האָבן דערזען, אַז מען שלאָגט, האָבן זיי
זיך געוואָלט ראַטעווען דורך צושטיין צו די באָלשעוויקעס.
אָט איז דער פאַרכישופטער טראַגישער קרייז. זוכט נישט
דעם שולדיקן! פעטלוראָ איז אין זיין לעבן נישט געווען
קיין אַנטיסעמיט. אויב ער איז שולדיק — בין איך
אַ מיטשולדיקער (אַ שטאַרקער איינדרוק אין זאַל).

טאָרעס

איר דערקלערט, אַז שוואַרצבאַרד איז אַן אַגענט פון
טשע־קאָ. איר זייט אַ היסטאָריקער. זאָגט מיר, הער היס־
טאָריקער: בעת שוואַרצבאַרד האָט געקעמפט אין אונ־
דזערע רייען אויפן פראָנט — ווו זייט איר ד אַ ן געווען?
מיט העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי זייט איר געווען! אַן אַגענט
פון דייטשלאַנד. און דאַן, ווי אַמבאַסאַדאָר פון דייטשן
אַגענט זענט איר געפאָרן צום קעניג פערדינאַנד צו פירן

אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום — צום שאָדן פון פראַנקרייך.

שולגין

נישט אמת. נישט אַזוי איז עס געווען!

טאַרעם

דייטשער אַגענט! ווי וואַגט איר איבערצורייסן די רייד פון אַ פּראָוויזישן אַדוואָקאַט?! איך האָב דאָ אַלע דאָקומענטן!

שולגין

(קערט זיך אָפּ מיט ווערדע): מיך אינטערעסירן נישט אייערע דאָקומענטן! מאָסגעבנדערע לייט פאַר אייך, ווי גענעראַל בערטעלאָ — צום ביישפּיל — האָבן זיך אויסגעדריקט, אַז פראַנקרייך האָט צו מיר דעם פולסטן צוטרוי. איך האָב נישט מער וואָס צוצוגעבן (פאַרנייגט זיך פאַרן טריבונאַל. אָפּ).

פלאָרי

עדות, פריילין גרינבערג!

(פריילין גרינבערג גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי נאָך אַ לוויה. ברענגט אַריין מיט זיך די אַטמאָספער פון פּראָסקוראָווער שחיטה. שבועה).

פלאָרי

וואָס קענט איר אונדז דערציילן?

פריילין גרינבערג

איך קאָן יאָ עפּעס דערציילן. איך בין געווען קראַנקן־שוועסטער אין פּראָסקוראָווער שפּיטאָל בעתן פּאָגראָם. עפּעס האָב איך צוגעזען... אַמשטאַרקסטן האָט איבערראַשט די אָרדענונג, מיט וועלכער דער פּאָגראָם איז אָרגאַניזירט געוואָרן. שוין פריִיטיק, זענען איבער די גאַסן אַרומגעריטן הײַדאַמאַקעס מיט ווילדע געשרייען: זיי האָבן שטודירט דעם פּלאַן פון דער שטאָט. שבת פרי, נאָך פאַרן פּאָגראָם, איז געפאַלן טויט אַ יונג מיידל טראַכטענבערג דורך אַ קויל אין פענצטער... האַלב דריי זענען די הײַדאַמאַקעס אַרויס צו זייער אַרבעט מיט מוזיק

און געזאַנג, מיט דאָקטוירים און פעלד־לאַזאַרעטן פון זייערט וועגן ווי צו אַ שלאַכט. זיי האָבן זיך איינגעטיילט אויף קליינע גרופּעס און זיך צעשאָטן איבער די ייִדישע הייזער. אַ קורצע ווײַלע האָט נאָך געהערשט אַ טויטע שטילקייט. באַלד האָט זיך אויפגעוועקט איין הויז נאָכן אַנדערן אין פאַרשטיקטע, פאַרצווייפלטע געשרייען. און באַלד האָט שוין געברומט און געיאָמערט די גאַנצע ייִדישע שטאָט. און איינע נאָך די אַנדערע זענען הייזער ווידער שטיל־געוואָרן — יענע הייזער, ווו די הײַדאַמאַקעס האָבן שוין אָפּגעטאָן זייער אַרבעט. דאָס ערשטע מיידל, וואָס מען האָט געבראַכט צו אונדז, דוואָרא קיקיס, מיט אַן אָפּגעשניטענער ברוסט. דער ד״ר גאָלוביאָוו האָט זי געראַטעוועט. פון אַכט מענטשן אין זייער משפחה זענען קוים פאַרבליבן ביים לעבן — דריי, אַלע אייביקע קאַליקעס. באַלד האָבן מיר מאָביליזירט דעם גאַנצן פערסאָנאַל און אָנגעהויבן אויפצונעמען פרישע פאַרוווּנדעטע. דער שפּיטאָל איז שוין איבערפולט. נישטאָ ווו אַוועקצולייגן. אומעטום — בלוט. אַ 5־יעריק צעשטאָכן מיידעלע האָט באַקומען אַ מוח־אָנצינדונג און איז געשטאָרבן אויף מיינע הענט. צוויי מיידלעך פון 12 — 14 יאָר האָט מען געבראַכט כמעט טויטע. נישט געווען קיין פּלאַץ, ווו זיי אַוועקצולייגן. ד״ר פּאָלאַנאָוו האָט באַפוילן אָפּצופירן אין זיין פּריוואַטער קליניק. מען האָט געמוזט תיכף אָפּערירן. האָט מען זיי שוין נישט דערפירט... אַ קליין ייִנגעלע — אין גאַנצן אין ווונדן האָב איך דאָך אַוועקגעלייגט אויפן טיש. ער האָט מורא געהאַט צו שרייען, האָט ער נאָר שטיל גערופן: מאַמע, ווו ביסטו? אַ יונג מיידל אין 40 גראַד היץ האָט אַלעמען אָפּגעשטויסן פון זיך. מיך אויך. אַוועק, הײַדאַמאַקע! — האָט זי געשריען. און אַזוי איז זי אָפּגעגאַנגען אין בלוט און אין שרעקלעכע ווייטאָגן. הערן ריכטער! שווינט אין מיר די פרוי! איך קאָן נישט דערציילן אַלץ, וואָס איך האָב צוגעזען! (וויינט. מאַסן־געוויין אין זאַל. שוואַרצבאַרד וויינט).

טאַרעס

(טיף געריִרט): הערן ריכטער! (ווייזט אויף שוואַרצבאַרדן) צום ערשטן מאָל זעען מיר וויינען דעם דאָזיקן מאַן, וועלכן מען האָט דאָ געוואָלט פאַרשטעלן פאַר אַן איינפאַכן פאַרברעכער!

קאַמפּענקי

(מיט אַ געבראָכענער שטים, פאַרנייגט פאַר דער עדותטע) מיין טיפער רעספּעקט פאַר אייער ווייטאָג, געערטע פריילין גרינבערג! מיין געפיל פון שרעק און פאַראַכטונג קעגן אָט די אַלע גרויזאַמקייטן, פאַר וועלכע... איך האָב אַפילו קיין ווערטער נישט. אָבער מיין פליכט איז דאָך צו שיצן דעם כבוד פון אַ דערמאָרדעטן, אין וועמענס אומשולדיקייט איך בין איבערציי‌גט. ווו איז פּעטלורעס האַנט אין די אַלע אַכזריותן?

פריילין גרינבערג

איך האָב נישט געזען פּעטלורעס פּערזענלעכע באַפעלן אויף צו מאַכן אַ פּאָגראָם. דאָס איז אמת. אָבער אין מיינע אויערן האָבן זיך איינגעשניטן די געשרייען פון די ווילדע היידאַמאַקעס: זאָל לעבן אונדזער באַטקאָ פּעטלוראַ! אָבער בעתן פּאָגראָם אין פּראָסקוראָוו איז פּעטלוראַ אַנגעקומען אין שטאָט און קיין דעלעגאַציע צו זיך נישט צוגעלאָזט.

קאַמפּענקי

איך פאַרשטיי נישט באמת צו וואָס באַדאַרף מען דאָ באַאומרויִקן אַזעלכע עדות און וועקן זייערע אַלטע ווונדן? מיר זענען דאָך אַלע דערשיטערט פון פּיין! און די קאָן מען פאַרהונדערטפאַכן און פאַרטויזנטפאַכן דורך אַרויסרופן הונדערטער און טויזנטער עדות, אָדער ביים לעבן פאַרבליבענע קרבנות פון פּאָגראָם! לאָמיר זיך בעסער באַגרענעצן מיט פּעטלורעס פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זייט איר זיכער, פריילין גרינבערג, אַז פּעטלוראַ איז אָנגעקומען קיין פּראָסקוראָוו בעתן פּאָגראָם?

פריילין גרינבערג

זיכער. אויפן אַנדערן, אָדער אויפן דריטן טאָג. דריי טעג האָט געדויערט דער פּאָגראָם!

קאַמפּענקי

זייט איר זיכער, אַז ווען פּעטלוראַ באַפעלט צו אַרעסטירן דעם סעמאָסענקאָ, וואָלט זיין באַפעל געוואָרן אויסגעפירט?

פריילין גרינבערג

אָן צווייפל!

קאַמפּענקי

אָבער ווי אַנדערע עדות האָבן אונדז איבערגעגבן, האָט פּעטלוראַ נישט געהאַט אַזאַ מאַכט.

פריילין גרינבערג

דאַן זאָגט מען זיך אָפּ פון צו זיין אַ פירער. איך האַלט אים דערפאַר פאַר דעם הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכן אין די אַלע שוידערלעכע זאַכן, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען, און וואָס כ׳וועל שוין ביזן קבר נישט פאַרגעסן. (וויינט).

פלאָרי

מיר דאַנקען איך, און מיר באַפרייען איך פון ווייטערדיקן פאַרהער. עדות סאַפּראָ! (פריילין גרינבערג גייט צוריק אַזאַ טראַגישע, ווי זי איז געגאַנגען צום פאַרהער. סאַפּראָ איז אַ געוועזענער אַרמיי־קאַפּיטאַן מיט אַ שוואַרץ־גרוי בערדל און געדיכטע שטאַרקע וואָנצעס).

טאָרעס

דערציילט אונדז, מיר בעטן איך, וועמען איר האַלט פאַר שולדיקן אין דעם טויט פון אייער זון!

סאַפּראָ

מיר זענען פון קאַראַיִמישער אָפּשטאַמונג, אָבער מיין זון איז געווען אין דער יִדישער מיליץ. ווען פּעטלורעס מיליטער איז אַריין אין קיִעוו, האָט זי די מיליץ אַרעסטירט. מיר זענען געווען זיכער, אַז מען וועט זיי באַלד באַפרייען, ווייל זיי האָבן געהאַט די נייטיקע לעגיטימאַציעס. שפּעטער בין איך געוואָרן אומרויִק און גע־

לאָפן צום קאָמענדאַנט. — ווו זענען די אַרעסטירטע יונגע־לייט? — ענטפערט ער מיר מיט אַ וויץ: — אין הימלישן גענעראַל־שטאַב! איך האָב זיך דערוווסט, אַז מען האָט זיי אַריינגענומען אין גענעראַל־שטאַב, כדי אויס־צופאָרשן צי זיי זענען ייִדן. מיין זון האָט זיך באַקענט אַלס ייִד, כדי צו טיילן דעם גורל פון זיינע חברים. הערן ריכטער! איר האָט געדאַרפט זען אין פעלד זייערע טויטע גופים! צעפּרעסענע פון הינט! מיט טשוועקעס, אַריינגעקלאַפּט אין זייערע לייבער! — מ־מ־ם! איך האָב אומגעזוכט פּעטלורען, געוואָלט אים מער טון ווי שוואַרצ־באַרד! איין טויט איז אַ צו־קליינע נקמה אָן אים. איך וואָלט אים געטון אַזוינס, אַז ער זאָל לעבן, און זיין יעדע שעה זאָל זיין יסורים און פּיין, און דאָס אויסבעטן אויף זיך דעם טויט, און דער טויט זאָל נישט וועלן אויס־לייזן... יאָ, איך סאָלידאַריזיר זיך מיט שוואַרצבאַרדן, הערן ריכטער!

(טויטע שטילקייט)

טאַרעס

איז מעגלעך נאָך עפּעס צוצוגעבן? הויכער טריבונאַל! נאָך די לעצטע פּאָר עדות האַלט איך פאַר אומבאַדינגט נייטיק דעם עדות־פאַרהער איבערצורייסן, כדי מיר זאָלן פאַרבלייבן ביי אונדזערע געזונטע נערוון און געפילן, וועלכע זענען אַזוי נייטיק פאַר דער זאַך. איך האַלט דעם ענין פאַר קלאָר גענוג. איך האָב נאָך אָבער פון מיין צד איבער 80 עדות. איך בין גרייט דעריבער פון אַלע מיינע עדות זיך אָפּצוזאָגן, אויב דער צווייטער צד וועט זיך אָפּזאָגן פון זיינע.

קאַמפּענקי

דעם פאָרשלאָג פון מעטר טאָרעס נעמען מיר אָן!
(גשוואַלדיקע אויפרודערונג אין זאַל).

פלאָרי

(קלינגט איין מאָל, אַ צווייט): איך בין געצוווּנגען איבערצורייסן די זיצונג און הייסן אָפּרייניקן דעם זאַל!
(פינצטער אויף דער בינע, ליכט אין זאַל. דער טומל ווערט שטאַרקער. אַ גרופּע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע עדות רייסן זיך צו דער ראַמפּע).

ערשטער עדות

וואָס מיינט ער עפּעס, טאָרעס! ייִדישע צרות איז זיין פּריוואַטער פּאַלוואַרק? ער קען דאָרט טון וואָס ער וויל?

צווייטער עדות

האָסטו געהערט! צו פאַרמאַכן די מיילער ביי 80 עדות, וועלכע זענען געקומען אויסגיסן זייער האַרץ פאַר דער וועלט.

דריטער עדות

עס איז אַ סקאַנדאַל! מיט קיינעם זיך נישט באַראָטן! ווו איז דער פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט.

ערשטער יונגער אַדוואָקאַט

איך האַלט עס פאַר אַ טאַקטישן פעלער פון מעטר טאָרעס!

צווייטער יונגער אַדוואָקאַט

וואָס רעדט איר? איינער פון זיינע גענילאַסטע שאַך־צוגן. ער איז אַ ריזיקאַנט! דאָס איז אַ באַנאַפּאַרטישער שאַך־צוג.

דריטער יונגער אַדוואָקאַט

ער קען די פּסיכאָלאָגיע פון פּאַריזער בורזשואַ!

רעדאַקטאָר

(ביים פּרעסע־טיש צום סעקרעטאַר)! געוואַלד! וואָס האָט ער געוואָלט פון מיר! ער האָט געקוילעט אָן אַ מעסער! געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף אונדזער צייטונג! כ'האָב זיך

פאַרמאַסטן אויף דריי חדשים אַ פּראָצעס! דער עולם האָט
זיך ערשט רעכט פונאַנדערגעוויינט! ווו איז ער ווו?

סעקרעטאַר

אַז מען לאָזט גאָר נישט צו צו אים.

רעדאַקטאַר

שאַ־ט! איך האָב אַ פּלאַן! אַ טעלעגראַמע: מעטר
טאָרעס איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן. עס קאָן זיין —
מען וועט צואיילן דעם פּראָצעס!

סעקרעטאַר

ווער וועט דען גלייבן אַזאַ באָבע־מעשה!

פאָרהאַנג

דאָס צווייטע בילד

(דער פּראָקוראָר האַלט שוין ערגעץ אין דער מיט. ער שפּאַנט
אַרום איבער זיין לאָזשע ווי אַ שיפס־קאַפּיטאַן און קייט די
ווערטער געגוג באַטראַכט און לאַנגווייליק).

פּראָקוראָר

האַ? יאָ... איז אייער משפּט... אייער משפּט, הערן
געשווירענע, פון גרויסער וויכטיקייט. צי איז פּעטלוראַ
שולדיק... שולדיק, אָדער, ווי שוואַרצבאַרד וויל —
פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פּאָגראָמען, אָדער ניין, האַ?
יאָ. פּאָגראָמען זענען געווען... געווען און וועלן זיין —
ס׳איז אַ ביטערער אמת. ס׳איז אַ שרפה, וואָס אין איין אָרט
לעשט זי זיך אויס און אין אַ צווייטן פלאַמט זי אויף ווידער
מיט אַ טאָפּלטער קראַפט. די מענטשהייט וועט זי קיין מאָל,
קיין מאָל נישט אויסלעשן. האַ? יאָ. יעדער ציוויליזירטער
מענטש דאַרף זיך אָפּגרענעצן, אָפּשאָקלען פון אָט דעם, פון
אָט דעם באַרבאַריזם. יעדער ציוויליזירט לאַנד — אויך.
אָבער דעם פאַקט פאַרלייקענען קאָן מען נישט. האַ? יאָ.
נו — און פּעטלוראַ? סיי ייִדן, סיי נישט ייִדן באַשטעטיקן, אַז ער איז געווען אַ ייִדנפריינד... אַ ייִדנפריינד.
ער מוז רעהאַביליטירט ווערן! ער מוז! שוואַרצבאַרד!
איר האָט דערשאָסן... אַן אומשולדיקן! יאָ, איר זייט
נישט געגאַנגען זיך נוקם זיין פאַר אייער פאָלק! איר
האָט געהאַט זייטיקע מיטהעלפערס און זייטיקע כוונות,
וועלכע האָבן לײדער זיך אַרויסגעגליטשט... אַרויסגעגליטשט פון דער אויספאָרשונג. איך פּאַסט נישט די ראָל
פון ברוטוס און פון קאַסיוס. ניין! האַ? יאָ. אָט דאָס
דיקטירט מיר מיין מענטשלעך האַרץ, דאָס געפיל פון
רעכט און מיין באַוווסטזיין. יאָ באַוווסטזיין! אַפילו, ווען

עס זענען פאראן מילדערנדע אומשטאנדן, פארדינט איר אויך אייער שטראף. יא, אייער שטראף. הערן געשווירענע! באשטראפט אים! פאראורטיילט אים לויט אייער געוויסן! זאל פון אייער אורטייל ארויסדרינגען דער אמת אליין! דער אמת אליין! די גערעכטיקייט! די גערעכטיקייט!

קאמפענקי

הערן געשווירענע! נאך מיין דערקלערונג אז מיין הארץ איז מיט די באלידיקטע און באוולטע האט מען מיר פארגעלייגט זיך אפצוזאגן פון מיין באשולדיקונגס־רעדע. ווי קאן איך עס טון, ווען דער דערמארדעטער אליין איז אויך א באלידיקטער און באוולטער!

שווארצבארד! באדענקט זיך וואס איר האט געטון! איר האט אפגעטון אזוינס, וואס איז קעגן אייער לערע, קעגן אייער רעליגיע, קעגן אייער מאראל! איר האט דערהרגעט א רויִקן מענטשן אין פאריז, א טרייען מאן און א גוטן פאטער פון א קליין מיידעלע. זיין איינציקע זינד איז באשטאנען אין דעם, וואס זיין מוח איז באהערשט געווען פון איין גרויסער אידעע וועגן א פאראייניקטער, פרייער אוקראינע. קיין איינציקער יידישער עדות האט נישט געבראכט קיין באווייזן פון זיין שייכות צו פאגראמען. און ווי אזוי האט ער געקענט מיט זיינע צוויי הענט אפשטעלן דעם שטראם פון ווילדער אנארכיע? איך זע דאס פאר מיינע אויגן! איך באנעם דעם שוידער פון פאגראמירטן שטעטל! צעווילדעוועטע, דיסציפלינלאזע קאזאקן רייטן אן פון אלע זייטן שטאט. נישטא קיין אנטרינונג. נישטא קיין באהעלטעניש! נאך אטעמסטו! ביסט אבער א פארמישפטער. און דאס הארץ קלאפט דיר אויס דיין אייגענעם טויטנמארש. אלץ וואס לעבט און אטעמט וועט צעמאלן ווערן צווישן אט דער צעווילדעוועטער לאווינע! נישטא צו וועמען צו שרייען! צו וועמען צו אפעלירן! אט דאס איז דער גורל פון די יידישע מאסן! דאס יידישע פאלק — איך זאג עס אן איראניע —

די אלטע אריסטאקראטיע פון דער וועלט הערט נישט אויף צו ליידן פון די צייטן פון בבל און ביז נאכן צאריזם. איך בין א שילער פון רענאן, איך האב אכטונג פאר דער יידישער ראסע און איך בייג טיף מיין קאפ פאר זייערע ווייטאגן.

אבער, שווארצבארד! דער זון פון אוקראינישן פאלק, וועלכן איר האט אומגעבראכט — פארדינט דאך, אז זיין נאמען זאל בלייבן אומבאפלעקט. ער פארדינט דאך, אז מען זאל זאגן וועגן אים: ער איז געווען פון די בעסטע זין פון אוקראינע! איך פארשטיי דעם ווייטאג פון דעם אומגליקלעכן פאטער סאפרא, וועלכער מיינט, אז דער טויט פון פעטלורא איז געווען א צו לייכטע שטראף. מען קאן רעדן, מיין ליבער טארעס, וועגן אפיציעלער, אדמיניסטראטיווער און פאליטישער פאראנטווארטלעכקייט. מען קאן אבער נישט רעדן וועגן פערזענלעכער אחריות. די פערזענלעכע אחריות טראגט שווארצבארד, ווייל זיין האנט האט אוממיטלבאר דערמארדעט, בעת וועגן פעטלורען קאן דאך נישט געזאגט ווערן, אז ער האט פערזענלעך געמארדעט, ווי עס קאן אפילו נישט געזאגט ווערן, אז ער האט געהייסן מארדן, גערייצט צו ראסן־האס.

עס וועט דעריבער נישט זיין יושרדיק, הערן געשווירענע, אויב שווארצבארד וועט ארויס פון דאנען אונטער אוואציעס א טריִומפירנדיקער, בעת די אומגליקלעכע אלמנה פון דערהרגעטן וועט דארפן זיך דערווייטערן א פארשעמטע דורך דער הינטערטיר. הערן געשווירענע! איר וועט נישט צובייגן דעם קאפ צו דער ערד פון אן אומגליקלעכער פרוי, וועלכע איז שוין גענוג געשטראפט און זיכער נישט פאר אירע זינד! נישט וועגן נקמה אין שווארצבארדן האנדלט זיך דא. נישט וועגן קיין הארבע שטראף פאר אים. איך זע די טראגעדיע אין איר פולער גרייס און מיין האנט וואלט זיך נישט הייבן אויף שווארצבארדן צו הארב באשטראפן. אבער, מיינע הערן! ריינוואשן דעם מערדער אן א סימבאל פון באשטראפונג, אן

אַ סימבאָל פון פאַראורטיילונג?! דאָס וואָלט דאָך געהייסן: טיפער נאָך באַגראָבן אַן אומשולדיק דערהרגעטן און איבערלאָזן אַן אייביקן פלעק אויף זיין כבוד!
ניין, הערן געשווירענע. איר וועט דאָס נישט טון! דאָס געוויסן וועט אייך דיקטירן דעם געהעריקן אורטייל איבער שוואַרצבאַרדן! (אין זאַל — גרויסער איינדרוק פון דער רעדע).

טאַרעס

באַוועגט פון צוטרוי צו אייך, הערן געשווירענע, האָב איך מיך אָפגעזאָגט פון מיינע וויטערדיקע עדות. איך באַדויער נישט, וואָס איך האָב דאָס געטון, הגם פון דער זייט פון די, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב און באַדערפעניש ארויסצושרייען זייער ווײ־געשריי פאַרן וועלט־פאָרום — פון זייער זייט האָב איך שוין געהאַט די גערעכטע און ביטערע פאַרוואָרפן!
איך קאָן אָבער די נאָבעלע טראַדיציע פון פראַנקרייך. דאָס האָט אַ גרויסער פראַנצויז געזאָגט: דער אַנטיסעמיטיזם איז אַן אַטענטאַט אויף כריסטוסן. דאָס האָט אַ פראַנצויזישער קאָנסערוואַטיסט פראָטעסטירט אין 1907 קעגן אַרמענישע שחיטות, און היינט דאַרף פראַנקרייך דורך דעם מויל פון אירע געשווירענע ריכטער אַרויסטראָגן דעם פראָטעסט קעגן יידישע פאָגראָמען. עס האַנדלט זיך נישט וועגן גלאָריפיצירן שוואַרצבאַרדס טאַט. עס איז אַן אומגליק צו דערהרגענען אַ מענטשן. עס איז אַן אומגליק אַליין נקמה צו נעמען! שוואַרצבאַרד איז אָבער שולדיק אין נאָך אַ שרעקלעכער, אומגליק: פונקט ווי פעטלוראַ האָט אַלץ געקענט פאַרבייגן צוליב דער אידעע פון זיין פאָטערלאַנד, אַזוי האָט שוואַרצבאַרד אַלץ געמוזט פאַרבייגן, כדי אָפצורוימען פון דער וועלט דעם מערדער פון זיין ראַסע.
אָבער נישט דער ענגער נאַציאָנאַליזם האָט אים געטריבן צו דעם. דאָס איז אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון פראָטעסט פאַר איין לאַנגער פאָגראָמען־קייט, וועלכע האָט זיך

געצויגן פאַר שוואַרצבאַרדן פון זיין קינדהייט אָן! מיינע הערן! די שטאָט באַלטאַ, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן איז פאַר שוואַרצבאַרדס געדעכעניש געוואָרן פינף מאָל פאָגראָמירט!
איך דאַנק אייך, פריינד קאַמפענקי, פאַר אייער מעסיקער באַשולדיקונג. איך פאַרשטיי אייער נאָבעלע אויפגאַבע ריינצוּוואַשן דעם נאָמען פון דערמאָרדעטן.
אָבער פרעגט ביי די קליינע יתומים פון כפר־ילדים אין עמק יזרעאל, וועלכע טראָגן אויף זייער לייב די צייכנס פון פאָגראָם־וווּנדן! פרעגט די אלמנות און יתומים אין אַרגענטינע, אין קאַנאַדע, איבער דער גאַנצער וועלט, וווּ דאָס יידישע רחמנות־געפיל האָט זיי צוגעטוליעט. דערמאָנט פאַר זיי דעם נאָמען פעטלוראַ. זיי וועלן פאַרציטערט ווערן, ווייל אין דער היים פלעגן די מוטערס מיט דעם דאָזיקן נאָמען שרעקן זייערע קינדער, ווען זיי פלעגן שרייען ביי דער נאַכט. און די קינדער פלעגן פון דעם שרעקוואָרט שטיל ווערן. צי איז פעטלוראַ שולדיק? ער האָט פאַרבונדן זיין נאָמען מיט די באַנדיטן פון זיין אַרמיי. ער האָט זיך פון זיי נישט אָפגעגרענעצט, ווי דאָס האָט געטון נישט קיין קלענערער פאַטריאָט פאַר אים — וויניטשענקאָ — צום ביישפיל!
ער האָט פאַרזיכערט זיינע פאָגראָם־העלדן אומבאַשטראָפקייט און דערטרונקען זיין אייגענע נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין יידיש בלוט. מיינע הערן! מישפטן מיר דאָך אַ קאַפיטאַן פון אַ דערטרונקענער שיף, ווען אַפילו נישט ער איז דער אוממיטלבאַרער שולדיקער! און ווי איז צום קאַפיטאַן, וואָס ביי דער אויספאָרשונג וועט זיך אַרויסווייזן זיין נאַכלעסיקע נאַכגיביקייט צו דער פאַרברעכערישער מאַנשאַפט! הערן געשווירענע, שוואַרצבאַרד איז שוין אָפגעזעסן דאָס זייניקע אין תפיסה. און אויב איר וועט פאַרלענגערן זיין שטראָף אויף נאָך איין טאָג אַפילו, וועט איר מיט דעם פעלשן דעם זין פון דעם איצטיקן פראָצעס.

שוואַרצבאַרד דאַרף נישט לײַדן פֿאַר פּעטלורעס פֿאַרזעלעכער געשפּאַלטנקייט — אַ סאָציאַליסט לויט זײַנע איבערצײַגונגען, אַ פּאָגראָמיסט — לויט די קאָנסעקווענצן פֿון זײַן פּאָליטיק. הערן געשוווירענע, נישט דער אַדוואָקאַט פֿון שוואַרצבאַרדן שטייט פֿאַר אײַך. הערט זיך צו צו די שטימען פֿון די גײַסטיקע פֿירער פֿון אונדזער נאַציע! צו די פֿאַרקלונגענע שטימען פֿון גאַמבעטאַ, הוגאָ און אַנדערע גאונים פֿון אונדזער פֿאָלק. זאָל שוואַרצבאַרד אַרויסגיין פֿרײַ פֿון דאַנען, ווײַל ער טראָגט אויף זיך די טראַגעדיע פֿון זײַן פֿאָלק. געדענקט, אַז מיט זײַן באַפֿרײַאונג פֿאַראורטיילן מיר דעם גרויל פֿון פּאָגראָמען אויך פֿאַר דער צוקונפֿט! (שטאַרקער אַפּלויז אין זאַל).

פֿלאָרי

שוואַרצבאַרד! האָט איר וואָס צוצוגעבן?

שוואַרצבאַרד

יאָ... אפשר יאָ... געוויס יאָ. הערן ריכטער! כאָטש נאָך אַזעלכע מוסטערן פֿון הויכער רעדנער־קונסט האָב איך מורא... אַז מײַנע בלאַסע רייד קאָנען מיר מער שאַטן ברענגען ווי נוצן. אַנטשולדיקט מיר, מעטר טאָרעס, אויב איך וועל מיט מײַנע לעצטע פֿאַר ווערטער פֿאַרערגערן מײַן גורל. אָבער, הערן ריכטער, צי האַנדלט זיך דאָ טאַקע בלויז וועגן מײַן אייגענעם גורל? איך האָב אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט צו מײַנע באַשולדיקער און פֿאַרטיידיקער און זאָל מיר דערלויבט זײַן, הערן ריכטער, זיך אָנלענען אויף אַ פּאָר ציטאַטן פֿון זיי. מעטר טאָרעס האָט געזאָגט: ס'איז אַן אומגליק צו דערהרגענען אַ מענטשן! ס'איז אַן אומגליק אַליין נקמה צו נעמען! הערן ריכטער! דערלויבט מיר צו זאָגן: ס'איז טאָפּלט דאָס אומגליק פֿאַר אַ מענטשן פֿון ייִדישן בלוט, פֿון ייִדישן שטאַם.

איך האַלט נישט, אַז מײַן ראַסע איז די אַריסטאָקראַטיע פֿון דער וועלט, ווי דאָס מיינט מעטר קאַמפּענקי, וועלכער האָט אַזוי דיסקרעט און צוריקגעהאַלטן מיר אויסגעדריקט

זײַנע פֿאַרוווּרפֿן. אָבער, הערן ריכטער! שוין אַ פּאָר טויזנט יאָר, אַז מיר ייִדן לעבן נישט אויף אונדזער שוועלד. און דאָס האָט אונדז שלעכט געטון. עס האָט אין אונדז אַנטוויקלט אַ גאַנץ אַנדערע מאָס... אַ העכערע מאָס פֿאַר דעם ווערט פֿון יענעמס לעבן. פֿאַר אַ ייִדן איז טאָפּלט שווער צו זײַן אַ בלוטיקער העלד און אין גאַנצן נישט מעגלעך צו באַרימען מיט אַזאַ העלדישקייט. אויך איך, מײַנע ריכטער, שטיי דאָ נישט פֿאַר אײַך אין דער שטאָלצפּאָזע פֿון אַ פֿאָלקס־העלד. איך בין אָבער אויך נישט דער מענטש, וועלכער באַדויערט זײַנע מעשים און מוז אָנקומען נאָך רחמים פֿון געריכט. ניין, הערן ריכטער, איך קום צו אײַך מיט מײַנע טענות!... מיט דעם טיפֿסטן גלייבן, אַז איר וועט דערהערן מײַן געשריי... דאָס געשריי פֿון אַ מענטש, וועלכער קלאַמערט זיך נישט אין זײַנע אייגענע פֿאַר יאָר. הערן פֿראַנצויזישע ריכטער, איר, אייניקלעך פֿון יענע שטאָלצע קעמפֿער, וועלכע האָבן אַראָפּגעריסן קרוינען ביי טיראַנען — איר וועט מיך דערהערן און פֿאַרשטיין. שטאַמט איר דאָך אַליין פֿון די נביאים פֿון 18־טן יאָרהונדערט! פֿאַר אײַך וויל איך אָנקלאָגן אונדזער יאָרהונדערט! די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. ווי אַזוי האָט זי געקאָנט דערלאָזן צו אַזאַ אומרעכט! צו אַזאַ... ניאַגאַראַ פֿון אומשולדיק פֿאַרגאָסענעם בלוט?!

מען וועט מיר זאָגן: מיט וואָס איז דאָס בלוט פֿון דײַנע שוועסטער און ברידער חשובער, פֿאַר יענע בלוטיקע טײַכן, וועלכע זענען אָפּגעפֿלאָסן אין דער וועלט־מלחמה?

הערן ריכטער! די מלחמה קאָן איך דאָך פֿון דער נאָענט!

כ'האָב דאָך מײַן אייגן בלוט פֿאַרגאָסן און דעם שונאס נישט געשוינט אין די פֿראַנצויזישע שוץ־גראָבנס. איך האָב געזען ווי מענטשן שטאַרבן, אײַנגעגראָבן מיט די פֿינגער אין דער פֿײַכטער ערד און מיט דעם לעצטן וואָרט פֿון

פאַרוורף און פון בענקשאַפט אויף די ליפּן מיט דעם וואָרט: מאַמע! כ'האָב געזען ווי די מענטשן לויפן פון בײדע פּײנטלעכע שוץ־גראָבנס געטריבן צום שטורעם דורך דער אײגענער אַרטילעריע. כ'האָב געזען, ווי זײ לויפן מיט אויפגעהויבענע הענט און מיט קינדערשע טרערן אויף די בערדיקע פּנימער, נישט צו וויסן, וועלכער צד איז דער פאַנגער און וועלכער דער געפאַנגענער. איך האָב געזען דעם אומזין אין זײן פולער גרייס און איך האָב מיר אויסגעקעמפט דאָס רעכט אָט דעם אומזין צו פאַראורטײלן. אָבער וויפל זין האָט די מלחמה אין פאַרגלײך מיטן פּאָגראָם! דאָרט קעמפן דאָך גלײכע מיט גלײכע! מיט די זעלבע שאַנסן פון זעלבן אומגליק! הערן ריכטער! צי האָט איר געהערט, ווי דער פּראָקוראָר, האָט זיך אויסגעדריקט וועגן פּאָגראָמען: פּאָגראָמען — האָט ער געזאָגט — זענען געווען און וועלן זײן. דאָס איז אַ שרפה, וואָס אין אײן אָרט לעשט זי זיך — אין צווייטן פלאַמט זי אויף מיט אַ טאָפּלטער קראַפט! נביאישע ווערטער הערן ריכטער! אַ גרויזאַמער אמת! נאָך זענען נישט אויסגעוויינט די לעצטע טרערן אויף אוקראַינע — און שוין שטיקן אונדז די גיפטיקע גאַזן פון אַ נײער, טליענדיקער שרפה. ווי אַ פייערדיקער ים וועט זי זיך צעגיסן אויף אַ ריזיקן שטח איבער אונדזערע קעפּ — איבער ייִדישע קעפּ! און די וועלט! די ציוויליזירטע וועלט וואָס וועט זי טון, צוקוקנדיק אונדזער נייעם חורבן?

די וועלט וועט זיך אָפּגרענעצן — לויט דער קלוגער עצה פון פּראָקוראָר — זי וועט זיך אָפּגרענעצן און, אין בעסטן פאַל, זיך אָפּשאָקלען פון די פאַרברעכערישע לענדער. הערן ריכטער! מען האָט אונדז הונדערטער יאָר געפּייניקט פאַר קרייציקן אַ ייִד קריסטוסן. און איצט — וועט מען אונדז אָנהייבן פּייניקן פאַר אָנבינדן אַ ייִדישן קריסטוס דער וועלט! דאָס איז אַן אויסרייד! מען שלאָגט אונדז — ווייל מיר לאָזן זיך. דאָס פאַרויס לויפן אין דער געשיכטע

— איז אונדזער אומגליק! שריי איך: ייִדן — צוריק — צוריק אין דער געשיכטע! צוריק מיט דער פויסט! מיט דער שפּיז! מיט דער קויל! אָט איז מײן בײשפּיל — אין נאָמען פון מענטשן־ווערדע... נישט ווי קײן ייִד דאַרף איך דאָ שטיין פאַר אײך! נישט ווי קײן ייִד — זיך פאַרענטפערן! ווען אַ פראַנצויז, ווען אַ רוס, ווען אַ כינעזער זאָל באַגיין מײן איצטיקע טאַט — דאַן וואָלט מען דאָך געגלייבט אין זײן אָביעקטיוון פּראָטעסט, אין זײן פּראָטעסט פאַר הונדערטער טויזנטער געפּייניקטע!... בעת מיך... וויל מען דאָ פאַרענטפערן מיט מײן בלוטאָנגעהעריקײט צו דער געפּייניקטער ראַסע! ווילט איר מיך פאַרענטפערן — דאַן פאַרענטפערט מיך מיט מײן בלוט־אָנגעהעריקײט צו די געפּייניקטע פון דער וועלט! איך שטיי דאָ נישט אַליין פאַר אײך, הערן ריכטער! הינטער מיר שטייט אַ ריזן־אַרמיי פון שאָטנס! דאָס זענען שאָטנס פון געפּייניקטע, וועלכע דער איצטיקער פּראָצעס האָט אויפגעהויבן פון זייערע קברים. אין זייער נאָמען בין איך באַרעכטיקט צו אַפּעלירן צו אײך מיט די אײגענע ווערטער ווי דער פּראָקוראָר: גערעכטיקײט, הערן ריכטער! גערעכטיקײט און נאָר גערעכטיקײט!

(פינצטער)

(אַ פּאָר סעקונדן שטיל. ווייטע, ווי אונטערערדישע אַקאָרדן פון דער מאַרסעליעזע אויפן נידעריקן רעגיסטער. — די ערשטע האַלבע פראַזע חזרט זיך איבער מיט קורצע פויזעס אַ מאָל פיר).

(ליכט אויף דער בינע)

(אַלע אויגן פון טריבונאַל זענען געווענדעט צו דער טיר, פון וועלכער עס דאַרף אָנקומען דער פאָרזיצער פון די

געשווירענע. אַ פּאָר סעקונדן עקספּאָזיציע. אָט איז ער שוין אין דער טיר).

פֿאָרזיצער פֿון געשווירענע

(אַריין, זיך אָפּגעשטעלט מיט דער האַנט אויפֿן האַרצן, דערקלערט רויִק און פֿייערלעך): **לויט אונדזער געוויסן און לויט אונדזער איבערצייגונג ענטפֿערן מיר, געשוווי־רענע, אויף אַלע געשטעלטע פֿראַגן — ניין! מיר דער־קלערן, אַז שוואַרצבאַרד איז אומשולדיק!**

(ריזן־אַפּלויז)

(אַ פֿריידיקע באַוועגונג צווישן די ריכטער. טאַרעס קושט זיך מיט שוואַרצבאַרדן. דערנאָך — מיט חנהן, וועלכע איז צוגעלאָפֿן פֿון זאַל).

קאַמפּענקי

צוזאַמענקלייבנדיק זײַנע פּאַפּירן): **מעטר טאַרעס! איך וועל אויסזאָגן אײַער פֿרוי!**

חנה

נאַט אײַך אויך אַ האַנט, מעטר קאַמפּענקי!

קאַמפּענקי

ניין! איך וויל אַ קוש.

חנה

איר זײַט דאָס אויך ווערט.

(חנה און קאַמפּענקי קושן זיך בײַ אַ הילכיקן אַפּלויז פֿון די געשווירענע. אויפֿן זאַל שרײַט מען: **וויוו לאַ פֿראַנס!** מען זינגט די מאַרסעליעזע).

פֿ אָ ר ה אַ נ ג

אַ פּאָר פֿאַקטן וועגן טעקסט

ס'איז נישט קיין צופֿאַל וואָס די דראַמע „שוואַרצבאַרד" דער־שײַנט איצט צום ערשטן מאָל אין בוכפֿאָרם, פֿינף און פֿער־ציק יאָר נאָך דעם ווי מײַן פֿאָטער האָט זי אָנגעשריבן. די סיבה איז אַ פּשוטע: דער טעקסט איז נישט געווען בנימצא.

פֿון אַלטער קאַציזנעס שאַפֿונגען, וואָס ער האָט נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אין פּוילן גאָר־נישט אָפּגעראַטעוועט. אויך זײַנע צוויי לעצטע דראַמעס: „שוואַרצ־באַרד" און „דעם יידנס אָפּערע" וואָלטן פֿאַרלוירן געוואָרן אויף שטענ־דיק, ווען אַ פּאָר עקזעמפּלאַרן וואָלטן נישט געווען פֿאַרבליבן אויסער די גרענעצן פֿון פּוילן.

„דעם יידנס אָפּערע" האָב איך געפֿונען פֿאַרהעלטענישמעסיק שנעל און זי שפּעטער אַרײַנגענומען אין ערשטן באַנד „געזאַמלטע שריפֿטן" (תל־אביב, י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, 1967). אַ סך שווערער איז אָבער צו־געגאַנגען מיט דער דראַמע „שוואַרצבאַרד". איך האָב די דראַמע אַרומ־געזוכט איבער גאָר דער וועלט מער ווי דרײַסיק יאָר און זי געפֿונען „צו ביסלעך". דער פֿולער, אָריגינעלער טעקסט איז אָפּגעפֿונען גע־וואָרן ערשט אין יאָר 1979.

איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן דעם טעקסט גלײַך נאָך דער מלחמה, ווען כ'האָב נאָך געלעבט אין וואַרשע. עטלעכע יידישע לעבן־געבלי־בענע אַקטיאָרן פֿלעגן אין יענער צײַט רעציטירן פֿון אויסנווייניק דעם שוואַרצבאַרד־מאָנאָלאָג. דאָס איז געווען דער „שטאַרקער" נומער אין זייערע אויפֿטריטן, אָבער דעם געשריבענעם מאַטעריאַל האָט קיינער פֿון זיי נישט געהאַט. איך בין זיכער געווען, אַז די פּיעסע געפֿינט זיך אין די פּאַראײַניקטע שטאַטן בײַ אַלעקסאַנדער גראַנאַכן. צום באַדויערן איז ער געשטאָרבן אין יאָר 1945, איידער איך האָב באַוויזן זיך צו פֿאַרבינדן מיט אים.

מיט א סך יארן שפעטער האב איך זיך געטראפן אין תל־אביב מיטן אקטיאר און רעזשיסאר זיגמונט טורקאוו, וועלכער האט עטלעכע מאל אויפגעפירט די דראמע אין פארשידענע לענדער; דעם טעקסט האט ער שוין נישט געהאט. אנדערע יידישע אקטיארן אין ישראל האבן אויך נישט געקאנט מיר עפעס זאגן וועגן דער פיעסע, הגם אייניקע פון זיי ווי צ. ב. יצחק טורקאוו־גרודבערג האט אין איר געשפילט אין לאדזש, פאר דער מלחמה.

איך האב נישט געקאנט רוען און דורך אלע מעגלעכע מיטלען ווייטער געזוכט דעם טעקסט, געשריבן בריוו צו פיל מענטשן און אפילו געגעבן אנאנסן אין דער יידישער פרעסע, וו איך בעט, אז ווער עס ווייסט עפעס וועגן קאציזנעס דראמע „שווארצבארד" זאל זיך שטעלן אין פארבינדונג מיט מיר.

אויף מיין אנאנס אין א פאריזער צייטונג, האב איך באקומען אן ענטפער פון שלום שווארצבארדס אלמנה, חנה. זי האט מיר געשריבן, אז עס זענען פאראן ביי איר אלע נומערן פון אלטער קאציזנעס זשורנאל „מיין רעדנדיקער פילם", וו די דראמע איז געדרוקט אין המשך. „שווארצבארד" איז טאקע געווען געדרוקט אין מיין פאטערס צייטשריפט אין די יארן 1938 — 1939, און איך האב שוין אויך געהאט א קאלעקציע זשורנאלן, אבער אין לעצטן נומער ענדיקט זיך די דראמע אין מיטן זעקסטן בילד און עס פעלט דער גאנצער דריטער אקט. קיין ווייטערדיקע נומערן פון דאזיקן זשורנאל איז מיר נישט געלונגען צו באקומען. בין איך דעריבער גלייך געפארן קיין פאריז, האפנדיק זיי צו געפינען ביי פרוי שווארצבארד און אויף אזא אופן צו קאמפלעטירן די דראמע.

איך האב זיך מיט איר געטראפן צום ערשטן מאל אין יאר 1966. זי איז שוין דעמאלט אלט געווען 82 יאר, איז אבער געווען פול מיט לעבן, ווארעמקייט און הומאר. זי האט מיר דערציילט, אז מיין פאטער איז געווען אין קאנטאקט מיט איר בעת ער האט געשריבן די פיעסע. פון אים מאקע האט זי באקומען די נומערן פון זשורנאל גלייך ווי זיי זענען דערשינען. איך האב באמערקט אין אירע קליינע צוויי צימערלעך ביים פארק ביט־שאמאן (אין דער פאפולערער פאריזער געגנט פון מעמילמאנטאן) אז דער קאלענדאר און דער זייגער זענען געבליבן

אפגעשטעלט אויף דער דאטע און אויף דער שעה, ווען שלום שווארצבארד איז געשטארבן, אין דרום־אפריקע, דעם 12־טן מערץ 1938; ער האט דארט געמאכט א רעפעראט־טור. זיין פרוים גרעסטער און איינציקער באגער איז געווען, אז די ישראלדיקע רעגירונג זאל אים מקבר זיין אין לאנד מיטן כבוד, וואס ער האט פארדינט דורך זיין אקט. דאס איז געשען שפעטער און חנה האט דאס נאך דערלעבט.

אין די צוויי יארגענג „מיין רעדנדיקער פילם", וואס חנה שווארצבארד האט מיר געגעבן, איז די דראמע אויך נישט געווען געדרוקט ביז צום סוף. עס האט נאך אלץ געפעלט דער לעצטער אקט, ד. ה. דער פראצעס. זי האט שוין מער קיין זשורנאל נישט באקומען. שפעטער האב איך זיך דערמאנט, אז מיין פאטער האט געהאט גרויסע שוועריקייטן מיט דער פוילישער צענזור אין 1939 און ס'איז ווארשיינלעך, אז די פוילישע מאכט האט דעם זשורנאל פארבאטן און דעריבער איז די פובליקאציע פון „שווארצבארד" איבערגעריסן געווארן.

נאך דער דאזיקער אנטוישונג האב איך כמעט פארלוירן יעדע האפענונג צו קאנען רעקאנסטרואירן דעם פולן טעקסט. כ'האב פון דעסטוועגן פארזוכט זיך צו פארבינדן מיט די פאר לעצטע יידישע אקטיארן, וועלכע לעבן צעשפרייט איבער דער וועלט, און זיי בעטן מיר צו העלפן אין מיין שווערער אויפגאבע.

אין נאוועמבער 1971 האט די באקאנטע יידישע שוישפילערין רחל האלצער, וועלכע וווינט אין אויסטראליע, געזוכט און געפונען די דראמע אין די ארכיוון פון פארשטארבענעם אקטיאר און רעזשיסאר יעקב וויסליץ, אין מעלבורן. ווען איך האב באקומען דעם טעקסט, האב איך גלייך באמערקט, אז ס'איז נישט געווען א קאפיע פון קאציזנעס אריגינעלן דרייבוך, נאר אן אפשריפט געמאכט אויף א מאשין דורך עמעצן אנדערש און שטארק פארקירצט. דער טעקסט איז א ביסל „מאניפולירט" געווארן דורכן רעזשיסאר און עס האבן געפעלט אין אים פראגמענטן פון דיאלאג. דער לעצטער אקט, וועלכער שפילט זיך אפ אין געריכט, איז אבער יא געווען, הגם מיט פעלנדיקע זאצן. מעגלעך, אז יעקב וויסליץ (אדער אן אנדערער רעזשיסאר) האט געמוזט עפעס ארויסנעמען צוליב דער צענזור, ווייל לעבן טיטל געפינט

זיך א שטעמפל פון דער בראזילישער צענזור, וואס דערלויבט צו שפילן די פיעסע אין סאן־פאולא, אין יאר 1939.

בעת מיין באזוך אין ניו־יארק, אין 1976, האב איך זיך באגעגנט מיטן יידישן אקטיאר מארטין בירנבוים, וועלכער האט געשפילט די הויפטראלע אין גראנאכס אויפפירונג פון „שווארצבארד" אין לאס־אנדזשעלעס אין 1940. ער האט מיר דערציילט, אז נאכן גרויסן דערפאלג פון דער פארשטעלונג האט ביי אים דער בארימטער אמעריקאנער פילם־שוישפילער יוסף שילדקראוט באשטעלט אן ענגלישע איבערזעצונג פון דער דראמע און אז ער קאן מיר דערפון געבן א קאפיע. דעם יידישן דרייבוך האט ער געמוזט אפגעבן גראנאכן.

דער ענגלישער טעקסט פון מארטין בירנבוים איז מיר שטארק צו ניץ געקומען פאר דער פראנצויזישער איבערזעצונג, ווייל עס האט מיר דערמעגלעכט צו דערגאנצן דאס, וואס האט געפעלט אין דער ווייסליך־אפשריפט, בפרט אין די לעצטע בילדער. די פריערדיקע בילדער האב איך געלאזט איבערזעצן דירעקט פון „מיין רעדנדיקער פילם". „שווארצבארד" איז איבערזעצט געווארן אויף פראנצויזיש דורך אנרי בולאווקא און איז דעם 19־טן אפריל 1979 אנגעגעבן געווארן אין פראנצויזישן ראדיא.

אויף יידיש וואלט שוין אבער די דראמע מער נישט דערשינען, ווען נישט אן אומפארהאפטע פאסירונג: דער אריגינעלער טעקסט פון „שווארצבארד" האט זיך גאר אפגעפונען אין ארכיוו פון העברעאישן טעאטער „הבימה" אין תל־אביב, אין מערץ 1979. ווען איך האב אים דערהאלטן, איז מיר באלד קלאר געווארן, אז דאס איז טאקע אן עקזעמפלאר פון קאציזנעס ריכטיקן דרייבוך. עס זענען אפילו פאראן א פאר באמערקונגען צוגעשריבן מיט זיין אייגענער האנט און די ווערטער „סינטעטישער רעפארטאזש" אונטערן טיטל. דאס האט זיכער מיין פאטער אליין געגעבן די פיעסע דער „הבימה", ווען זי איז געווען אויף גאסטראלן אין ווארשע אין יאר 1937. א שאד, וואס איך האב וועגן דעם נישט געוווסט און געזוכט די פיעסע אין לויף פון צענדליקער יארן איבער אלע עקן וועלט! ערגער אבער איז, וואס די רעזשיסארן און דירעקטארן פון „הבימה" האבן אויך וועגן דעם נישט געוווסט...

דער עיקר איז וואס די דראמע איז דא און וועט שוין פארבלייבן

אן אפגעדרוקטע. אבער דער פאקט אליין, וואס קאציזנעס א פיעסע פון אזא קינסטלערישן און היסטארישן ווערט האט געקאנט אפליגן אין די טעאטער־ארכיוון, א פארגעסענע, גאנצע צוויי און פערציק יאר (!) און קיינער פון דער „הבימה" האט אפילו נישט געוווסט וועגן איר — בעט זיך צו מאכן אנטשפרעכנדיקע אויספירן...

רוים, דעם 21־טן יאנואר 1980.

שולמית קאציזנע

אינהאַלט

נח גריס — אַלטער קאַציזנע 7

אַלטער קאַציזנע — שוואַרצכאַרד 23

שולמית קאַציזנע — אַ פּאָר פאַקטן וועגן טעקסט 157

דערשינענע ווערק פון אַלטער קאַציזנע:

דער גייסט דער מלך, (דראַמאַטישע פּאָעמע). — וואַרשע 1919.
פּראָמעטעאוס, (דראַמאַטישע פּאָעמע). — וואַרשע 1920.
אַראַבעסקן, — וואַרשע, 1922.
דער דוכוס, (דראַמע אין פיר אַקטן). — ווילנע, ב. קלעצקין 1926.
הורדוס, (טראַגעדיע אין פינף אַקטן). — ווילנע, ב. קלעצקין, 1926.
שטאַרקע און שוואַכע, צוויי בענד, (ראָמאַן). — ווילנע, ב. קלעצקין, 1929-1930.
שטאַרקע און שוואַכע, צווייטע אויסגאַבע, — בוענאָס איירעס, סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", 1954.
באַלאַדן און גראָטעסקן, (לידער און פּאָעמען). — וואַרשע, חיים בזשאָזאַ, 1936.
געקליבענע שריפטן, (אַנטאָלאָגיע). — וואַרשע, יידיש-בוך, 1951.
מיין רעדנדיקער פילם, צוויי יאָרגענג, — 1937-1939, געבונדן אין בוכפאָרם.

„געזאַמלטע שריפטן" אין 4 בענד, — תל־אביב.

באַנד 1 — י. ל. פּרץ־פאַרלאַג — תל־אביב, 1967.

דער דוכוס, (דראַמע אין פיר אַקטן).
דעם יידנס אָפּערע, (היסטאָרישע דראַמע אין דריי אַקטן).
באַלאַדן און גראָטעסקן, (לידער און פּאָעמען).

באַנד 2 — פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1969.

אַראַבעסקן, (נאָוועלן).
פּראָמעטעאוס, (דראַמאַטישע פּאָעמע).
הורדוס, (היסטאָרישע טראַגעדיע אין פינף אַקטן).

באַנד 3 און 4 — י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, — תל־אביב, 1972.

שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן אין צוויי בענד און פיר טיילן).

העברעאיש:

פנינים חולות, — תל-אביב, ספריות תרמיל, 1970.

איטאַליעניש:

LE PERLE MALATE. Traduzione Ippolito Pizzetti. Milano. Edizioni Vanni Scheiwiller, 1974.

L'OPERA DELL'EBREO. Traduzione Paola Ojetti. Roma. « Terzoprogramma » n. 2/1975. Edizioni Eri della Radiotelevisione Italiana.

ALTER KACYZNE

SCHWARTZBARD

DRAME EN TROIS ACTES

© Copyright by Sulamita Kacyzne Reale. Printed in France
EDITIONS DU « COMITE POUR LA LANGUE
ET LA CULTURE YIDDISH
PARIS, 1980